A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען

VOLUME VII No 265 Toronto, Tuesday April 6 1920 יח ניסן תרפ דינסטאג דער 6־טער אפריל 1920 PRICE TWO CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

גרויסע אונרוהען אויסגעבראכען אין ירושלים

18 מענשען פארוואונדעט אין אומרוהען אין ירושלים

סברא אז "קעניג פײזאל" האט שוין באלד פארגעסען אז ער איז קעניג. — וועט קומען נאך לאנדאן.

ירושלים אפריל 5.

גרויסע אומרוהען האבען דא אויסגעבראכען נעכטען אין דעם קריסטליכען עסט. הונדערט אכט און אכציג מענ־ זיינען פארוואונדעט געווארען אין די אומרוהען. די מעהרסטע פארוואונדעטע זיינען אפגעקומען מיט לייכטע וואונדען.

מיליטער קאנטראלירט די שטאדט.

די ענגלישע ארמייען האבען באלד ארומגערינגעלט די שטאדט און איינגעשטילט די אומרוהען. די סאלדאטען איז געבען געלונגען צו קאנטראלירען די ע שטאדט.

די טעלעגראמע וועגען דער אוי־ טער נייעס ווערט איבערגעגעבען דער קענעדיען פרעס דעפעש. אבער דעם אז אומרוהען זיינען פארגעקומען ווערט ניט געזאגט. עס ווערט הערמאהנט ווער עס האט געמאכט די אומרוהען, און געגען וועלכע טיילען פון די איינוואוינער דער אויסברוך איז פארגעקומען. פון פריהערדיגע ידיעות האט מען געקאנט זעהן דאס א טייל פון ן אראבישע איינוואוינער אין ירושלים אבען געזוכט צו ארגאניזירען אומרוהען עגען די אליאירטע. די ענגלישע מיליטערישע בעאמטע האבען זיך אבער גוט ארבארייט צו קאנען קאנטראלירען די ע אין פאל אזעלכעס זאל פארקומען.

זאל האט שוין איפגעגעבען די האפנונג.

אן אפריל 5.

א טעלעגראמע פון דמשק צו דער מייל" גיט איבער דאס פרינץ פײזאל, וועלכער איז מיט א קורצער צייט צוריק געקרוינט געווארען קעניג פון דעם פאראייניגטען... סירישען קאנגרעס וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין דמשק, האט שוין כמעט ווי אויפגעגעבען זיין האפנונג צו קאנען פארווירקליכען די באשלוסען און פאדערונגען וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען.

איינער פון די הויפט באשלוסען וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען איז געווען צו פאדערען פון די אליאירטע צו אנערקענען די אומאפהענגיגקייט פון דער פאראייניגטער סירישער אימפעריע, וואס זאל איינשליסען לבנון, מעסאפאטאמיען און פאלעסטינא. אבער פרינץ פײזאל האט שוין איצט איינגעזעהן אז די פאדערונג האט קיין באדייטונג ניט. די אליאירטע וועלען קיינמאל נאכגעבען דיזע פאדערונגען.

עס ווערט אויך באהויפטעט אז פרינץ פײזאל האלט שוין איצט ביים איינוויליגען צו קומען נאך לאנדאן זיך "דורכצושמועסען" מיט די אליאירטע פארטרעטער וועגען די פאסירונגען אין סיריען.

מזרחים קויפען לאנד.

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

ניו יארק אפריל 5.

א טעלעגראמע וואס איז ערהאלטען געווארען אין דער הויפט קווארטיר פון דער מזרחים ביורא מעלדעט דאס די מזרחים פארשטעהער וואס געפינען זיך אין פאלעסטינא פארהאנדלען איצט אפצוקויפען שטיקער לאנד אין נאמען פון נחליאל געזעלשאפט. און אז די פארהאנדלונגען וועלען אין גיכען געשלאסען ווערען צו דער צופרידענהייט פון די מזרחים. די טעלעגראמע איז אונטערגעשריבען פון הרב פישמאן.

אידישע קאמיסיע וועט קומען פון פוילען רעארגאניזירען הילפס טעטיגקייט

שוידערליכע עפידעמיעס בושעווען אין דרום רוסלאנד. — גאנצע גאסען מיט טויטע. — אנדערע אויסלענדישע אידישע נייעס.

אינט. אידישע פרעס ביורא.

יארק אפריל 5.

פון פוילען זיינען אהער אנגעקומען ת דאס די אידען פון ווארשא זוכען צו רעארגאניזירען די הילפס אר־ וואס ווערט אנגעפיהרט צווישען מעריקאנער אידען.

וי די ידיעות גיבען איבער הערשט קיין איינגיקייט צווישען די פארטרעטער וואס זענען געשיקט געווארען פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, און צוליעב דעם ליידט זעהר פיעל די הילפס ארבייט. די אידען פון ווארשא האבען דארום באשלאסען צו געפינען א מיטעל ווי אזוי אנצופיהרען די ארבייט אהן דער הילף פון די אמעריקאנער קאמיסיאנען.

ספעציעלע קאמיסיע נאך אמעריקא.

כדי איבערצוגעבען די לאגע גענוי און אויך כדי אויסצוגעפינען דעם ווירקזאמסטען מיטעל האבען די ווארשאווער אידען באשלאסען גלייך אוועקצושיקען א קאמיסיע נאך אמעריקא.

אין דער קאמיסיע זענען באשטימט געווארען דער באוואוסטער אידישער שרייבער י. ה. נאמבערג און מ. פארבשטיין, איינער פון די אידישע דעפוטאטען צום פוילישען פארלאמענט.

די צוויי אידישע שלוחים וועלען אויף זייער באזוך אין אמעריקא פיהרען קאנפערענצען מיט דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע און צוזאמען געפינען א מיטעל ווי אזוי די ארבייט צו פארטיילען די שטיצע צווישען די פוילישע אידען זאל איבערגעלאזען ווערען אין די הענט פון דער ארטיגער באפעלקערונג.

א ידיעה מעלדעט דאס אין דרום רוסאנד, בושעווען די טיפוס עפידעמיע מיט דער גרעסטער שוידערליכקייט. אין שיטאמיר קומען פאר טויטעפאלען פון 160 אין דורכשניט יעדען טאג. גאנצע גאסען זיינען איצט געבליבען ליידיג. כמעט אלע איינוואוינער זענען אויסגעשטארבען.

פון די אכצעהן אידישע דאקטוירים וואס האבען זיך געפונען אין זשיטאמיר זיינען פערצעהן אויסגעשטארבען.

א ידיעה מעלדעט דאס די אלוועלטליכע הילפס קאנפערענץ איז איינגערופען געווארען אויף׳ן דרייצעהנטען אפריל.

אין דער שטאדט ראוונא האבען אנטיסעמיטען ארויסגעלאזען א בלוט בלבול אויף א אידישער אלמנה מיט׳ן נאמען גאלדע גוטערמאן. א קליין קריסטליך מיידעלע וואס איז פלוצלונג פארשוואונדען געווארען, באהויפטען די אנטיסעמיטען, איז געווען אין דעם געוועלבעל פון דער אלמנה און פון זינט דאן האט מען דאס קינד מעהר ניט געזעהען.

אידיעה גיט איבער דאס דער חכם נחום פון טערקיי האט רעזיגנירט פון זיין שטעלע אלס פראטעסט געגען דעם וואס די רעגירונג האט פארבאטען אויסלענדישע אידען צו באטייליגען זיך אין די קהלה וואהלען.

געזוכטע פערזאנען.

יהודה ראטשטיין פון סטארא־דאראגא מינסקער גובערניע, זוכט פ. הורוויץ 852 יוניאן סטריט וואנקאווער.

רבקה שמיש פון מינס ראקאווסקי 20 וואזינונג 7 און וועלוועל שקאלניק זוכען נ. שקלאף פון פיטערבארא אנטעריא, סימקא סטריט.

אשר קראנץ ווארשא סטאווקי 9 וו. 47 זוכט זיין ברודער ברוך קראנץ אין קאנאדא און בעט בריעף.

באלשעוויזם האט באזיעגט דעם אימפעריאליזם, זאגט ניקאלאי לענין

באלשעוויסטישע האנדעלס קאמיסיע אנגעקומען אין קאפענהאגען — קאלטשאק׳ס א גענעראל האט פערציג מיליאן אין גאלד. — זיין לעבען אין גרויס געפאהר.

מאסקווא אפריל 5.

ניקאלאי לענין, פרעמיער פון דער באלשעוויסטישער רעגירונג, האט אין א רעדע צו דער ערעפענונג פון דער 9־טער קאנווענשאן פון דער קאמוניסטישער פארטיי ערקלעהרט אז די סודות פון דעם ערפאלג פון דער סאוועטען רעגירונג אויף אלע איהרע געביטען ליגט אין דעם וואס יעדע רעגירונגס אפטיילונג איז געווען פעסט ארגאניזירט. די הויפט מאכט איז געווען צענטראליזירט אין די פעהיגסטע פערזאנען, און די אייזערנע דיסציפלין וואס האט איבעראל געהערשט.

"אט דיעזע דריי מעלות וואס זיינען באנוצט געווארען פון דער סאוועטען רעגירונג האבען באזיעגט דעם אימפעריאליזם אויף אלע פראנטען.

"די לעצטע שלום פארשלאגען וואס מען האט געמאכט צו דער סאוועטען רעגירונג זענען דער בעסטער באווייז דאס צווישען די אליאירטע איז שוין געביטען געווארען דער סענטימענט צו דער סאוועטען רעגירונג. דאס באווייזט אויך אז די רעגירונגען פון דער אויסערליכער וועלט זיינען גאט איינגע אין זייער שטעלונג צו אונזער רעגירונג. די לאגע פון אונזערע פאזיציעס קאנען ניט אפגעשאצט ווערען לויט דעם שטאנדפונקט פון דער יוריספרודענץ.

אין פארלויף פון די פארהאנדלונגען האט לענין אנגעוויזען אויף די הויפט פרינציפען און פראגען מיט וועלכע די קאנווענשאן דארף זיך באשעפטיגען.

קאמיטעט פון שוועדישע און נארוועגישע ארבייטער פארטרעטער זיינען געקומען בייוואוינען די פארהאנדלונגען. די קאנווענשאן האט זיי אפיציעל איינגעגרוסט.

באלשעוויסטישע האנדעלס קאמיסיע אין קאפענהאגען.

קאפענהאגען אפריל 5.

נעכטען זיינען אהער אנגעקומען די מיטגליעדער פון דער רוסישער האנדעלס קאמיסיע אונטער דער פיהרערשאפט פון מ. נאגין, דער האנדעלס מיניסטער אין דעם באלשעוויסטישען קאבינעט. אין דער קאמיסיע געפינט זיך אויך מ. ראזאווסקי צוזאמען מיט 24 אנדערע עקספערטען אין פארשידענע פראגען פון האנדעל, אינזשעניערינג און אינדוסטריע. נאגין האט ערקלעהרט אז די קאמיסיע האט בדעה צו פארבלייבען א קורצע צייט אין דענעמארק און דערנאך אפפאהרען נאך לאנדאן. און פון דארטען אפשר אויך נאך די פאראייניגטע שטאאטען.

נאגין האט אויך ערקלעהרט אז די קאמיסיע באאויפטראגט גלייך צו שטעלען זיך אין פארבינדונג מיט פאבריקאנטען פון אליאירטע לענדער און באלד אנפאנגען א האנדעלס פארקעהר.

"אזוי שנעל ווי דאס אייז וועט אויסברעכען" האט נאגין ערקלעהרט, "וועלען פון פעטראגראד אפפאהרען שיפען מיט פלאקס און פארשידענע אנדערע מינים סחורות. די שיפען שטעהען שוין איצט פול אנגעלאדען נאר אפצופאהרען.

"מיר וועלען קויפען לאקאמאטיווען און פארשידענע אנדערע אייזענבאהן ארטיקלען און מיר וועלען באצאהלען מיט גאלד פאר יעדער זאך."

אין רוסלאנד געפינען זיך א סך איבעריגע תבואות וואס וואלטען געקאנט עקספארטירט ווערען. אבער די פויערים [illegible] ווי דערפאר געבען אגריקולטור מאשינעריע. די קאמיסיע וועט זוכען צו אראנזשירען מיט די פאבריקאנטען פון אגריקולטור מאשינעריע צו געבען זיי גוטע קאנצעסיעס איינצושטעלען אזעלכע פאבריקען אין די מינען געגענדען פון רוסלאנד.

קאמיסיע איז פארגעגרייט צו צו האנדלען וועגען שלום.

לאנדאן אפריל 5.

אין אן אינטערוויו מיט א פארטרעטער פון דער "דיילי עקספרעס" אין מאסקווא האט דער באלשעוויסטישער אויסערען מיניסטער מ. טשיטשערין ערקלעהרט, אז עס איז שוין ניט ווייט די צייט ווען צווישען די אליאירטע מיט דער סאוועטען רעגירונג וועט געשלאסען ווערען א פארשטענדיגער שלום. נאך פריהער ווי מיט אנדערע לענדער וועט דער שלום געשלאסען ווערען מיט ענגלאנד.

דער אויסערען מיניסטער האט ערקלעהרט אז די קאמיסיע וואס פארהאנדעלט וועגען האנדעלס באציהונגען דורך די קאאפעראטיווע געזעלשאפטען האט אויך די מאכט צו האנדלען וועגען אנדערע פראגען. זי איז פארזארגט מיט עקספערטען וועגען יעדער פראגע באזונדער.

די באלשעוויקעס זיינען מיט דער מיינונג אז אין עקאנאמישען זין איז די גאנצע וועלט א יחידה. די וועלט מוז האבען רוסלאנד און רוסלאנד מוז האבען דעם פארקעהר מיט דער גאנצער וועלט.

מאקסים ליטווינאוו, וועלכער איז איינער פון די פאליטישע עקספערטען איז באאלמעכטיגט צו פיהרען פאליטישע פארהאנדלונגען.

מ. קראסין וועלכער איז געווען דער ארמיי קאמיסאר וועט האנדלען וועגען די עקאנאמישע פראגען.

די באלשעוויסטישע רעגירונג פון רוסלאנד קאן נאך דערוויל ניט אפשאפען דעם קאפיטאליזם און פאלגליך וועט מוזען איינגעפינען ווערען א וועג ווי אזוי די סאציאליסטישע רעגירונג זאל קאנען פיהרען מסחרים מיט קאפיטאליסטישע רעגירונגען. די שטאאטסלייט פון ענגלאנד האבען שוין דאס אנערקענט און די איבריגע וועלען דאס אין גיכען איינזעהן.

מוז האבען די הילף פון יאפאן.

א טעלעגראמע צו דער "טיימס" מעלדעט, דאס גענעראל וואיצעקאווסקי איינער פון די איבערגעבליבענע פון קאלטשאקס גענעראלען, מיט עטליכע צעהנדליג טויזענד סאלדאטען אין כארבין וואלטען געקענט פארהאלטען די באלשעוויסטישע טעריטאריע אבער זיי קאנען ניט באקומען די ערלויבניש פון דער יאפאנעזישער רעגירונג. דער גענעראל פארמאגט פערציג מיליאן רובעל אין גאלד.

לייבאר פארטי ניט אויף שטענדיג פאראייניגט מיט פארמערס

קאנווענשאן געשלאסען גרויסע צאהל רעזאלוציעס אנגענומען.

לאנדאן אנט. אפריל 5.

ביי דער שלוס זיצונג פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטי קאנווענשאן פון אנטעריא האבען א סך פון די דעלעגאטען אויסגעדריקט די מיינונג דאס עס וואלט געווען ראטזאם צו האלטען אויף שטענדיג די פאראייניגונג צווישען דער לייבאר פארטי מיט דער פארמער פארטי. אנדערע ווידער האבען אנגעוויזען אז אין א סך פאלען זיינען די אינטערעסען פון די פארמער אלס ארבייטסגעבער אין געגעזאץ צו די אינטערעסען פון די ארבייטער.

האנ. וואלטער ראלא, דער ארבייטס מיניסטער האט ערקלעהרט אז די איצטיגע פארשטענדניש מיט דער פארמערס אסאסיאיישאן איז בלויז איבער דער צייט וואס די איצטיגע רעגירונג וועט זיין אין מאכט.

די קאנווענשאן האט געהאנדעלט וועגען א גאנצער רייהע מיט פראגען. עס איז גוט געהייסען געווארען די פאדערונג פון פענסיע פאר מוטערס וואס בלייבען אלמנות און דארפען ערציהען קינדער, און ניט נאר ארעמע זאלען זיין בארעכטיגט צו דער פענסיע נאר אפילו גאנץ רייכע.

די קאנווענשאן האט באשלאסען אז פארלאמענט אפגעארדנעטע זאלען באקומען צוויי טויזענד דאלאר א יאהר. עס איז באשלאסען געווארען צו באגרעניצען די פראפיטען פון ווירטיגע ארטיקלען אויף פינף פראצענט און נאך א גאנצע רייהע מיט אנדערע עהנליכע באשלוסען.

אלס פרעזידענט פון דער פארטיי איז ערוועהלט געווארען דזשיי. וו. באקל, פון טאראנטא.

אלס סעקרעטער איז ווידער אויסגעקליבען געווארען מר. דזשאזעף ט. מארקס פון טאראנטא און מר. ה. פאלמער אויך פון טאראנטא איז דער נייער טרעזשורער.

ניט אלעס קאן געלט פארהייקען

שיקאגא אפריל 5.

מיס רושיע רעקער, די טאכטער פון א מיליאנער איז געפונען געווארען א דערטרונקענע. זי איז געווען זעהר פארצווייפעלט איבער איהר געשטאפעלטען פנים, וואס זי האט באקומען פון א פאקען קראנקהייט. מען גלייבט אז דאס האט איהר געטריבען צו זעלבסטמארד.

קאפ פון ארבייטער אפגעהאקט

טהעדפארד מיינס, קוו. אפ. 5.

גאדיא גאגאן, 32 יאהר אלט און ארבייטער אין די אסבעסטאס מינען פון טהעדפארד מיינס, קוויבעק, האט געקראגען אפגעהאקט דעם קאפ ווען א שטיקעל דינאמיט האט עקספלאדירט אין דער דזשיקאבס אסבעסטאס מינע. אביסעל פריהער ווי ער האט בדעה געהאט

אירלענדער פארלירען די רעפוטאציע

לאנדאן אפריל 5.

ציפערען וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען ווייזען דאס אין ענגלאנד איז אין יאהר 1919 אויסגעגעבען געווארען 323 מיליאן פונט אויף שטארקע געטראנקען. דאס מאכט אויס אכט פונט מיט פופצעהן שילינג פער מענש.

אין שאטלאנד איז די הוצאה געווען 36 מיליאן פונט. דאס מאכט אויס זיעבען פונט צעהן שילינג אויף א מענש.

אין אירלאנד איז אויסגעגעבען געווארען 27 מיליאן און דאס מאכט אויס זעקס פונט מיט פיער שילינג אויף א פערזאן.

וויל איינפיהרען באזונדערע קלאסען פאר מיידלאך

רעדזשיינא סאסק. אפריל 5.

דר. דזשאהן א. ראוז האט ערקלעהרט אז נאך א פארזיכטיגער באאבאכטונג איז ער געקומען צום שלוס דאס אין די הויך שולען דארפען איינגעפיהרט ווערען קלאסען פאר מיידלאך אפגעזונדערט פון די יונגלאך.

בלאנדזשענדע בריעף.

א בריעף פאר י. גאלד פון 96 באלדווין סטריט פון קעלן, געפינט זיך אין זשורנאל אפיס.

אונגארישע רעגירונג מארדעט אויס אידען הונדערטערווייז

גאליציאנער אידען ארויסגעטריבען. — אידען לעבען בסדר אין שרעקעניש פאר פאגראמען.

אינט. אידישע פרעס ביורא.

ניו יארק אפריל 5.

ידיעות וואס זענען דא אנגעקומען געבען איבער דאס זעהר א שרעקליך בילד פון דעם לעבען און די שוידערליכע געשעהנישען וואס די אידען פון אונגארן קומט אויס איבערצוטראגען. דער איצטיגער רעגענט מ. הארטי, וועלכער איז אן אויסגעשפראכענער מאנארכיסט האט געמאכט דעם אנטיסעמיטיזם אלס א הויפט פונקט אין זיין פראגראמע, און הונדערטער אידען ווערען אויסגעמארדעט פאר סיי אורזאכען אדער אהן אורזאכען. די הארטי רעגירונג האט זיך געשטעלט אלס איהר הויפט אויפגאבע צו פארטרייבען אלע אידען פון אונגארן.

אלע אידען וואס זיינען אין דער צייט פון דער מלחמה אנטלאפען פון גאליציען זיינען איצט אהן דער מינדעסטען רחמנות ארויסגעטריבען געווארען.

א ידיעה מעלדעט דאס די ווינער אידישע צייטונג "די מארגען צייטונג" האט ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג דאס די אנטיסעמיטען האבען ביז איצט אויסגעמארדעט פינף הונדערט אידען בלויז אין שטאדט בודאפעסט אליין.

די צייטונג האט אויך אויסגעפונען אז איבער אלע אנדערע אונגארישע שטעדט האבען די מערדער אויסגעשאכטען עלף הונדערט מיט פערציג אידישע נפשות.

ניטא קיין רחמנות פאר אידען.

א ידיעה גיט איבער דאס איינער פון די באטאליאנען פון דעם ווייסען טעראר האט ארויסגעלאזען פאר. זיין מאטא "ניטא קיין רחמנות פאר אידען," און צוליעב דעם פארשפרייטען זיך אלץ מעהר פאגראם קלאנגען און די אידען ליגען אין טויט שרעקעניש.

אין בודאפעסט זענען לעצטענס ערמארדעט געווארען צוויי אידישע סטודענטען.

באקומען פיעלע אלטע און נייע זאכען

דער ערשטער טאג פון דער קליידער זאמלונג וואס עס פיהרט אן דער אוקראינער פארבאנד איז געווען גאנץ ערפאלגרייך.

דער קעמפיין איז אייגענטליך ערעפענט געווארען זונטאג אווענט, ווען די וואלונטירען האבען זיך פארזאמעלט אין מיכאל שוהל, וואו עס האבען גערעדט די רבנים גארדאן, ליוואי, הער ניימענזאהן און וואו עס איז אויך געווען א מוזיקאלישער פראגראם, דורכגעפיהרט פון חזן וואלאדאווסקי און זיין כאהר.

אויף׳ן פלאץ זיינען געזאמעלט געווארען 250 דאלאר אויף מעדיצין.

נעכטען האבען די קאמיטעס צוזאמגעזאמעלט פיעלע אלטע און נייע זאכען. אין פארלויף פון דעם טאג האט זיך באזונדערס אויסגעצייכענט איין אידישער מאנופאקטשורער, וועלכער האט אריינגעשיקט 70 נייע פרויען מאנטלען.

די אוקראינער וועלען פארזעצען זייער קאמפיין א גאנצע וואך, און זונטאג וועלען זיי איהם פארענדיגען מיט א מאסען פארזאמלונג.

מאיר גראסמאן, שליח פון די אוקראינער אידען וועט אדרעסירען די מאסען פארזאמלונג.

פייער פארניכטעט גרעסטע מאנטרעאלער שוהל מיט א מאסע ספרים

מאנטרעאל אפריל 5

די חברה קדישא שוהל פון 301 סט. אורבאן סטריט איז היינט מיטאג צייט פולשטענדיג פארניכטעט געווארען פון א פייער וואס האט פלוצלונג אויסגעבראכען. אין שוהל האבען זיך געפינען א מאסע ספרים. זעקס ספרי תורות, עטליכע ש"ס׳ן און א גרויסע צאהל פארשיעדענע ספרים וואס מען קאן שוין גאר היינט ניט באקומען.

דער שאדען וועט אנטרעפען ביז צוויי הונדערט און פופציג טויזענד דאלאר. אבער בלויז א טייל דערפון וועט געדעקט ווערען פון דער פייער פארזיכערונג וואס די שוהל האט געהאט.

די שוהל איז אויסגעבויט געווארען מיט 22 יאהר צוריק.

אנדערע שאדענס.

א חוץ דער שוהל האט דאס פייער פיעל שאדען געטאן צו דעם רויכווארג האנדלונג פון ס. ה. בערענשטיין וואס געפינט זיך נעבען דער שוהל און דאס גייטי טעאטער.

זעקס מיליאן ארבייטער וועלען סטרייקען

ניו יארק אפריל 5

עס איז גאנץ מעגליך אז צוליעב דעם סטרייק פון די האפען ארבייטער זאלען ארויסגערופען ווערען אין סטרייק די זעקס מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער איבער גאנצען לאנד.

אין די ארבייטער קרייזען ווערט באהויפטעט אז אין דעם קאמף געגען די האפען ארבייטער איז געמאכט געווארען א קאנספיראציע צו בארויבען די ארבייטער פון זייער אכט שטונדיגען ארבייטס טאג און די גאנצע ארבייטערשאפט פון לאנד איז גרייט צו פארטיידיגען זיך געגען אזא אנפאל.

בעסער אין ארעסט אידער אין קעלט.

וואודסטאק אפריל 5.

דער גרויסער ווינט פון לעצטען פרייטאג האט צוטרייסעלט דעם ארעסטהויז און אויסגעבראכען א וואנט, אבער קיינער פון די ארעסטאנטען איז ניט אנטלאפען.

נייער אירלענדישער סעקרעטאר זאגט דעוואלערא וועט זיין פריי

לאנדאן אפריל 5.

סער האמאר גרינוואוד, דער נייער סעקרעטאר פאר אירלאנד האט ערקלעהרט, אלס אן ענטפער אויף דעם קלאנג דאס דע וואלערא, דער פרעזידענט פון דער אירלענדישער רעפובליק קומט צוריק פון די פאראייניגטע שטאטען. דאס ער וועט איהם ניט פארפאלגען. ער וועט קאנען אנפיהרען זיין גאנצע פראפאגאנדע אזוי לאנג ווי ער וועט זיך האלטען אין די ראהמען פון דער קאנסטיטוציע.

ווערט פארברענט פון א סיגארעט.

ארטהור בעק 39 יאהר אלט איז פארברענט געווארען אויף טויט. ווען זיין בעט האט זיך אנגעצונדען אין זיין צימער אין אלביאן האטעל אויף דזשארוויס סט.

מען רעכענט אז זיין בעט האט זיך אנגעצונדען פון א ברענענדיגען סיגארעט דער רויך האט איהם פארטשאדעט און ער האט ניט געקאנט זיך אויפהויבען ארויסראטעווען פון פייער.

1920 5
LOEV
CITY
THE EA
2696
HOW TO BE
By taking lessons at
music school Maestr
will guarantee you
becoming a real Vi
net. Saxophone playe
and String instrume
Michael Angelo's p
children to play V
compared with any o
be sure to telephone
regarding your child
Sig. Michael Angel
ther that takes real
and be aware of fak
Studio at Alhambra

ניזאם
טערקישע סיגארעטס
10 פאר 18 סענט
2 פעקעדזשעס פאר 35 סענט

דער פארברעכער

און אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן, אוים דעם אידישען לעבען פון פוילען און קאנאדע.

באארבייט פאר'ן „אידישען זשורנאל“

פון י. ב—ם

(149-טע פארזעצונג.)

לייזער איז געווען ניט אין מאנטרעאל, ווייל אויב עס זאל ווירקליך זיין אזוי ווי דו זאגסט, דאן האט ער מורא געהאט צו בלייבען אין דער שטאדט, וואו ער וואלט מרדכי'ס ירושה באקומען, האט חנה'לע פארגעזעצט. עס איז מיר זעהר שווער צו גלויבען, אז לייזער זאל ווירקליך האבען עטוואס געטון מיט מרדכי'ס געלט, ווייל ווער נאך ווי איך ווייס ווי גוט און טריי ער איז צו מיר געווען. אבער עס קען דאך מעגליך זיין, אז ער האט עפעס געוואוסט פון מרדכי'ן, ווייל ער האט זיך געאיילט אהיים צו פאהרען. ער האט אויך צוגעקומען דאס געלט, וואס עס איז געווען באשטימט פאר מיין רייזע צו מרדכי'ן.

דערפאר גלויב איך אז ווען דו שלמה וועסט קומען קיין אמעריקא, זאלסטו דיך נאכפרעגען ביי לאנדסלייט וואו לייזער וואוינט. פיעלייכט וועסטו דיך עפעס דערוויסען וועגען איהם.

— פאהרען קיין מאנטרעאל איז ניט נויטיג, אבוואהל איך וואלט נאך דארט געוואלט אמאהל זיין, ווייניגסטענס שטעהן לעבען דעם קבר פון מיין מאן, וועלכען דער בייזער טויט, האט אזוי פריה אפגעריסען פון אונז, אבער איך פארלאנג עס פון דיר שלמה, אויב דו ווילסט עטוואס טון פאר מיר, אויסגעפינען דאס — וועגען וועלכען דו האסט ווי א הייליגען שליחות אויף מיין געוויסען געלייגט. בלייבסט פאר דיר דער איינציגער גואל.

— הונדערטער אונזערע לאנדסלייט וואוינען דארט, און ווי איך הער דא פון די הינטערפאהרענדע לעבען זיי אלס א באזונדערע שטאדט. דאראמער לאנדסלייט זענען דארט א היפש ביסעל פארהאן, און געוויס איז לייזער דארט דער פיהרער ביי זיי.

— קיין ספעציעלעס פארלאנג איך ניט פון דיר, ווייל נאך אלעמען אויב עס זענען געבליבען מלבושים, זענען זיי שוין לאנג פארקויפט געווארען, און דאס געלט איז פארנוצט געווארען, אז קיין גרויסע געלט איז נאך איהם ניט געבליבען בין איך זיכער; ווייל ביים לעבען האט ער זעהר ווייניג געלט מיר געשיקט און אין זיינע בריעף איז געווען די זעלבע ווערטער. דערוויל פארדיען איך ווייניג, מעגליך, אז מיט דער צייט, מיט דער צייט.

— און די צייט — די צייט — האט זיך חנה'לע צואוויינט, די צייט האט מיר די שרעקליכע בשורה געבראכט שוין נאך דער צייט.

— ער האט מיר אויך געשריבען, אז דאס ערשטע געלט איז געבארגט ביים בעל הבית, וועמען ער וועט דארפען צאהלען וועכענטליך, אזוי אז מיר קענען זיך פארשטעלען ווי גרויס עס איז געווען זיין פארמעגען, וועלכעס ער האט געלאזען.

— אבער? — האט דער יונגערמאן איהר געפרעגט, — איהר ווילט דאך ניט בלייבען קיין אייביגע עגונה?

חנה'לע האט אויף איהם אויסגעשטעלט איהרע אויגען.

— וואס מיינסטו צו זאגען דערמיט?

— איך מיין זעהר איינפאך — האט שלמה באמערקט. — איהר זענט נאך א יונג ווייבעל. איהר האט א קינד וועלכעס עס דארף מען זאל זארגען פאר איהר ערציהונג, און אונטער אזעלכע אומשטענדען ווי איהר געפינט זיך יעצט, צו דערצעהלען אז אייער מאן איז געשטארבען אין קאנאדע, איז ווייניג, דערמיט צו באקומען א רעפוטאציע.

— איהר זענט א פרוי, און איך דארף געוויס זיין באקאנט, אז ווען מען גייט הייראטען א פרוי, וויל מען אויסגעפינען ווער און וואס זי איז. ווער דער מאן איז געווען, ווי אויך די אורזאכע פון זיין טויט. און ווי איך זעה חנה'לע, קימערט איהר זיך וועגען דעם זעהר ווייניג.

חנה'לע האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. איהרע געדאנקען זענען ווי אויפגעפרישט געווארען. זי האט פאר זיך דערפיהלט עטוואס נייעס. דער פלאנטער וועלכער איז פאר איהר אנגעווארפען געווארען האט געפאדערט א לעזונג, און זי איז דארום צוגעשטאנען צו שלמה'ן, אז ער זאל איהר פארזיכערען אז ער וועט ניט רוהען אין ניו-יארק ביז ער וועט אויסגעפינען וואו לייזער געפינט זיך.

שלמה האט דאס איהר פארזיכערט. אום זי איבערצייגען אז ער וועט עס טון, האט ער גלייך געקויפט זיין באהן בילעט פון מאנטרעאל קיין ניו-יארק, אזוי אז אנשטאט פאהרען אין קאנאדע, האט ער אונטערגענומען זיין רייזע קיין אמעריקא, אום דארט אויפצוזוכען לייזער'ן, און אויסצוגעפינען אלעס וואס עס האט פאסירט מיט מרדכי'ן.

(פארזעצונג פאלגט.)

דזשועלרי הענדלער און דזשועלרי סטארקיפערס איפמערקזאם
זייט וויסען, אז איך
מ. העלער
האב זיך גענומען צו דער ארבייט, און בין ווילינג צו מאכען אלערליי דזשועלרי דזשאבס פאר דער טרייד.
רופט מיך אדער זעהט זיך מיט מיר, ווען איהר דארפט מאכען אייערע דזשועלרי דזשאבס, און איהר וועט זיין צופריעדען.
אלערליי רינגען, קלענערע אדער גרעסערע, געמאכט צום סייז.
מיין נייער אדרעס איז
251 Queen St. West
טעלעפאן אדלייד 3967

די זשורנאל פרעסס
(אין דעם זעלבען בילדינג פון „אידישען זשורנאל“.)
251 קווין סטריט וועסט — טעל. עדעלייד 3967
בעקאנטמאכונג!
מיר מאכען באקאנט אונזערע פיעלע קאסטימער און פריינד, דאס מיר האבען יעצט א באזונדער אריינגאנג
דורך 251 קווין סטריט וועסט
מיר מאכען אלערליי
פרינטינג ארבייט
קיין דזשאב איז פאר אונז ניט צו קליין אדער צו גרויס.
מיר מאכען פון א ביזנעס-קארד ביז א בוך, א. ז. וו.
אום באקאנט צו מאכען דעם פלאץ, רעדוצירען מיר די פרייזען אויף אלע אפיס סטיישאנערי און סאסייטי פרינטינג פאר איין מאנאט אנפאנגענדיג פון היינט דאנערשטאג, דעם 12-טען פעברואר ביז דעם 12-טען מארטש.
ביזנעס-לייט, סעקרעטארען פון סאסייעטיס און שוהלען! נעהמט עס אלעס אין אכט. און אויב איהר דארפט פרינטינג, געמאכט גוט, שנעל און שעהן, קומט גלייךצוטעהן אדער טעלעפאנירט
עדעלייד 3967
פרעגט דורכאוס פאר מר. ה. לעווענטהאל.
פרינטינג געמאכט אין אלע שפראכען.
גוטע ארבייט. — ארענטליכע בעהאנדלונג.
THE JOURNAL PRESS
H. LEVENTHAL, Manager
251 QUEEN WEST (HEBREW JOURNAL BUILDING) PHONE ADEL. 3967

אונזער ענטפער

פון הרב ש. פאראווסקי.

וואס וויל דער מזרחי? צו וואס דארף מען דעם מזרחי? אט די צוויי פראגען ווערען געשטעלט פון פיעלע, זעלבסטפארשטענדליך. און ווען די ערשטע פראגע ווערט פארענטפערט ווערט די צווייטע שוין ממילא פארענטפערט.

וואס ווילען די מזרחים? ווארום ארבייטען זיי ניט צוזאמען מיט די אלגעמיינע ציוניסטען? אויף דעם ענטפערען מיר. דאס מיר ארבייטען יא מיט די אלגעמיינע ציוניסטען אין אלע ארבייט וואס טראגען א פאליטישען אדער אן עקאנאמישען כאראקטער. מיר קלייבען פאר'ן נאציאנאל פאנד, פארקויפען שעהרס פון דער קאלניאל באנק, צאהלען שקלים א. ז. וו. אבער די סתם ציוניסטען האבען בלויז געדארפט טאן פאליטישע און עקאנאמישע ארבייט אין ארץ ישראל און איבערלאזען די קולטורעלע ארבייט צו יעדער פראקציע, לויט איהר פראגראם; אבער אזוי ווי די סתם ציוניסטען זיינען ניט געבליבען סתמים, נור אויסגעשפראכענע נייטראליסטען מיט א פארצוג צו דעם ניט רעליגיעזען צד, מוזען די מזרחים טאן די קולטורעלע ארבייט גאנץ זעלבסטשטענדיג. און מיר וועלען ארבייטען מיט דעם זעלבען מסירת נפש נעגען דעם ניט אידישען גייסט אין ארץ ישראל, ווי די העברעאיסטען קעמפען נעגען זשארגאן אין ארץ ישראל, ווייל די תורה איז ביי אונז נאך הייליגער ווי די העברעאישע שפראך. און כדי אונזערע מיינונגען זאלען געהערט ווערען מוזען מיר ארבייטען אלס א באזונדערע פראקציע אין דער ציוניסטישער וועלט ארגאניזאציע. מיר קענען זיך ניט באניגענען מיט דעם וואס מיר וועלען זיין א טייל יעדער לאנדס ארגאניזאציע, ווייל דאמאלסט וועלען מיר בטל ווערען ברוב. מיר וועלען אפשר זיין גוטע געלד געבער, אבער מיר וועלען קיינמאהל ניט קענען זיין קיין טאן געבער. מיר וועלען זיין נאכשלעפער און ניט קיין פאראויסגעהער.

אונזער פראגראם איז די זעלבע פראגראם פון מלכות יהודה, נעמליך עם, ארץ שפה ותורה, און ניט די פון די עשרת השבטים, וועלכע האבען געגלויבט, אז מ'קען אידען זיין מיט פאטריאטיזם צו לאנד, פאלק און שפראך. דער עבר האט אונז געצייגט, אז די עשרת השבטים, וועלכע האבען אנגענומען די קולטור און געטער פון זייערע שכנים, האט זיי דער פאטריאטיזם ניט אפגעהיט און זיי זיינען פארשוואונדען און פארלארען געגאנגען פאר דאס אידישע פאלק. און די קליינע קעניגרייך פון יהודה, ווייל זי איז געווען טריי צו גאט, צו דער תורה און צו אלץ וואס איז הייליג און טייער, איז געווען גענוג שטארק איבער לעבען דעם חורבן בית ראשון און צוריקשטעלען זיך אויף די פיס און אנהויבען א ניי לעבען. און אזוי ווי זיי האבען שוין געהאט די ערפאהרונג, אז דער סוד פון קיום האומה ליגט אין זיינע גייסטיגע אוצרות, און זיין תורה און זיין אמונה האט טאקע רבי יוחנן בן זכאי געבעטען ביי די רוימער זיי זאלען ערלויבען די אידען בלויז א רעליגיעזען צענטער אין יבנה. דיעזער צענטער האט פאראייניגט דעם צושפרייטען אידענטום און געגעבען איהם כחות אין די שרעקליכע גלות'ן אין די פארשיעדענע לענדער און די פארשיעדענע תקופות.

דארום גלויבען מיר, אז אהן דעם אידישען גייסט קען ניט זיין קיין תחית האומה. מיר קענען ניט בויען א לאנד ווי אלע לענדער, ווייל מיר זיינען ניט קיין פאלק ווי אלע פעלקער. מיר זיינען א גוי קדוש און מיר מוזען האבען אן ארץ הקדושה.

דער מזרחי איז די ציוניסטישע ארגאניזאציע וואס וויל, אז צוגלייך ביים יסוד פון בויען ארץ ישראל, זאל אלץ געבויט און געטאן ווערען על פי תורת ישראל, עס זאל ניט זיין סתם א לאנד, נאר א אידיש לאנד, וואו דער ערשטער גייסט, די אידישע טראדיציע, זאל זיין קאנטיג אויף יעדען טריט און שריט.

דער מזרחי נעהט איצט אן מיט זיין קאמפיין פאר א צוויי מיליאן דאלאר פאנד. צוויי מיליאן דאלאר איז בערך א קליינע סומע לגבי די גרויסע ארבייט וואס דארף איצט געטאן ווערען און לגבי די הונדערטער טויזענטער אידען, וועלכע ברייננען נאך איצט גרויסע קרבנות פאר'ן אלטען טראדיציאנעלען אידענטום. די סומע מוז געשאפען ווערען. קיין איד טאר ניט שטעהן מן הצד אין דער גרויסער הייליגער שעה.

דער מזרחי איז די אמת אידישע ארגאניזאציע וואס וויל בויען אן אמת אידישע ארץ ישראל.

מצבות
פון מארבעל און גראניט
ווערט געמאכט ביי
קעמינס און סאן
וויא אויך סיינס צו מעסיגע
דיבעסטע פרייזען.
טעלעפאן עדלייד 5957.
118-120 טעראלי סט.
טאראנטא.

קאהען און קאהען
באריסטערס און נאטארי פאבליק א. א. וו.
סאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מעין 2684.
אברהם קאהען נארט 267
סעמיועלס קאהען דזשאנקשאן 1545

דר. מ. פיזוניק
דענטיסט.
שמערצלאזע עקסטרעקשאן פון ציהן
קאר. קווין און ספעדיינא עוו. רום 2.
טעלעפאן אדעלייד 4067.

אפיס טעלעפאן מיין 5040
און מיין 5041
הויז טעלעפאן קאלעדזש 7009
י. ז. בראדי ב. א.
פון
פאליס, ווילסאן און בראדי.
באריסטערס, סאליסיטארס נאטאריוס א. א. וו.
געלט צו לייהען
606—8 טעמפעל בילדינג, טאראנטא
קארנער ריטשמאנד און בעי.

טעלעפאן אדלייד 6815
דר. ג. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט
[illegible]
טאראנטא

יעקב מ. בענעט
[illegible]
באריסטער, סאליסיטאר, נאטאריוס
[illegible]
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 983

מיר מאכען נייע דעכער

און פיקסען אלטע און מאכען רינוועס און אלערליי בלעכער ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען און אלע אונזער ארבייט גאראנטירט נאכפרעגען
ליו און בלום
1072 קווין וועסט
אויך 115 עליזאבעט סטריט טעלעפאן פארקדייל 6076
10486—4—5

דר ס. פערלמאן
דענטיסט
341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720
נים אכטונג אויף דער גרויסער צאלעס
פרישער שילד
ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען
אפען אין אווענט.

ספעשעל
די סיטי דריי ווארקס פעררעגנט פול דעם סוטס, פרינץ אלבערטס, און סילק זעמס, טעלעפאנירט אדער קומט פערזענליך. קאל. 2628.
349—51 קאלעדזש סטריט.
9509—6—1

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער דאנדעס סטריט און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלעדזש 6073.

עסטאבלישט 1907
י. שטיינער
דער ערשטער אידישער מצבה מאכער אין טאראנטא. וויל איך בין געצוואונגען אין א קורצער צייט צו מופען פון מיין שאפ, האב איך באשלאסען צו פערקויפען אלע סארטען שטיינער מיט צעהן פראצענט ביליגער אום צו סייפען די קאסטען פון מופען.
פון 157½
אין 159 מיקאל סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 6024.
הויז 409 דאנדעס וועסט
טעלעפאן קאלעדזש 3921

י. ראזען
מאכט איבערזעצונגען, אווירט ביכער, אינשורענס און ריעל עסטייט
איך קויף און פארקויף אגעס
ווען די לאגע אין מזרח אייראפא וועט זיין רוהיג וועלען מיר שיקען געלד און פארקויפען שיפס קארטען ווען איהר ווילט ארויסרייזען, ווענדעט זיך צו מיר. איך מאך עס צופרידען.
1½ לעאנארד עוו.
טעלעפאן קאלעדזש 2299.

ווארפט ניט אוועק אייער אלטע קערידזש מיר מאכען אזוי ווי נייע
האט איהר איין קערידזש צו פיקסען, מיר מאכען פון אלט ניי. טעלעפאנירט ביטש 1021. מיר נעהמען דעם קערידזש צו פון אייער הויז און ברענגען צוריק צום הויז.
10901—4—31)

א גליקליכע היים
[illegible] איהר האבען א גליקליכע צופריעדענע היים, דאן מוזט איהר עס דעקארירען ביי ריכטיגע דעקאראטארס, אטטים בראדערס די באוואוסטע דעקארייטארס וועלען אייך צופריעדענשטעלען טעלעפאנירט פארקדייל 5702 צופריעדענהייט גאראנטירט.
10437—6—1)

כלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלס מוהל
אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט קאונטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1076.

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פארקויפען א הויז אין ביעטריס סטריט $5500, סאליד בריק, 8 רומס מיט אלע קאנוויניענס, עלעקטריק, נעו. הוא-רענדע. קעש $1500. טעלעפאן קאלעדזש 6345 אדער 3 העגרי סט.
10876—4—7)

צו פארקויפען א הויז פון 6 רומס אין נומער 5 קלינטאן סט. מיט אלע קאנוויניענס. אורזאכע פארלאז טאראנטא. נאכפרעגען אין 22 סאהא סטריט.
10771—4—25)

$5350 מיידזשאר סטריט, סאליד ענטריענס, בעק ליין שעהנע ווארענדא, בריק 10 רומס אלע קאנוויניענס, סייט 15 הונדערט דאלאר קעש, באלאנס ערשטער מארגיידזש.

4350 נאסא סטריט, בריק פראנט הויז, 9 רומס אין 2 פלעטס אלע קאנוויניענס, פול סייז קאנקרעט סעלער, לאט 120 ביי 23, $800 קעש, באלאנס ערשטער מארגידזש. מר. העלער 106 אקספארד סטריט.
10928—4—7

$5200 ביעטריס סטריט, בריק, 8 רומס סקווייר פלען, אלע קאנוויניענס.
$4500 יוראן סטריט, בריק, 7 רומס.
$4500 מיידזשאר סטריט, 9 רומס בריק.
$5800 דיארסי סטריט, 8 רומס, אלע קאנוויניענס. מארטין סימקא קארנער קווין סטריט, אדעלייד 3922.
10933—4—5

א טיילאר פלענט צו פארקויפען אלעס אין גוטען קאנדישאן פערטיג צום ארבייט. פרעגען קאל. 9194.
10929—4—8

פעדלער, מיר קויפען אלטע קערעדזשעס און טשערס געמאכט פון רוד שטרוי. 1628 קווין סט. איסט.
10900—4—31)

סעקאנד הענד פארניטשור ביזנעס צו פארקויפען. 665 קווין סט. וועסט.
10879—4—7)

צו פארקויפען א לייבטען פעדלער וואגען און הארנעס. נאכפרעגען 17 פיסקין עוועניו נאך 6 אווענד.
10944—4—8

אורין
אויספלוסונגען
24 שטונדען
SANTAL CAPSULES MIDY
היט זיך פאר נאכמאכונגען!

ביזנעס שאנסען

טעלעפאנירט אדעלייד 153.
פאר מעסענדזשער.
אלע סארטען שערען געשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער. אלע סארטען רייזער בלייזס געשארפט. אויך די גרעסטע דעכטליכע רייזערס געשארפט און געשליפען. און אריינגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.
מיר קומען נאך דער ארבייט.
די אלערט שארפער, רייזער
180 באטהורסט סט. טאראנטא, אנט.

דעכער צו פיקסען
און נייע מאכען, סלייטס, שינדעל גראל און פייפער, ביליגע פרייזען אויף אויסצאהלען. בעסטע גאראנטי. נעהמט פרייזען פון ענע רופערס, נאכהער פרעגט מר. ס. א. מאנהיים קא. 130 יוראן סט. טעלעפאן קאל. 3859.
10739—4—25)

פלאמבינג און היטינג קאמפארט קא. מיר מאכען אלע ארבייטען ביליג בעסטע צופרידענהייט גאראנטירט 493 קווין סט. וועסט טעלעפאנירט עדלייד 5277 קומען מיר גלייך מאכען דעם דזשאב.
* * 9443

איך פייפער און פיינט
מיט די בעסטע פיינט און שעהנסטע פייפער צו די ביליגסטע פרייזען, ווי אויך פארקויף איך פייפער און פיינט ביליג. די בלור פיינט סטאר 856 בלור סטריט. פאן קענוואוד 4252.
10348—4—8

פייפערהענגינג און פעינטינג.
דער אלטער באקאנטער פייפער הענגער און פיינטער, פייפערט מיט די שעהנסטע פייפער און די בעסטע פיינט. אלע ארבייט גאראנטירט.
סעם קייטס 166 אסינטאן עוועניו טעלעפאן פארקדייל 3394.
10759—4—23)

דעכער פון סלייטס.
האט דריי מעלות, בעסער, שעהנער און שטארקער די זעלבע רייז וואס שינדעלס. און פיקסען אלערליי דעכער מיט גאראנטי. נאכפרעגען מאנהיים 80 באלדווין סט. טעלעפאן קאלעדזש 7218.
10554—4—10)

דזשיי גרין, קאנטראקטאר
פלאסטערינג, פייפער הענגען ראף קעסטינג און קאלסאמיין. פיינטינג און גריינינג. ארבייט גאראנטירט. 785 קווין סט. וועסט. וואוינונג טעלעפאן אדלייד 2843.
10801—4—28)

ארבייטער פערלאנגט

די תלמוד תורה עץ חיים מאכט בעקאנט דאס מיר וועלען צו נעהמען קינדער אין תלמוד תורה נאהר ביז ראש חודש אייר כל הקודם זכה.

אפערייטארס צו ליידיס סקוירטס און דרעסעס העכסטע ווידזשעס, סטעדי ארבייט ניאן שאפ. פרעגען אין די פריה. פעריס גארמענט קינג וועסט
4—10945

פארלאנגט עקספיריענסד טערפרעסער צו ליידיס סטעדי ארבייט און גוטע ווידזשעס. סנאלדער קלאוק קא. 191 רושאן סט
6—4—10940

עקספיריענסד
אפרייטערס
צו דרעסעס.
סטעדי ארבייט גאראנטירט.
352 עדלייד סט. וועסט
10910—4—9)

פארלאנגט א ליידיס טיילאר, סטעדי ארבייט און גוטע ווידזשעס. נאכפרעגען 173 עווענוי ראוד, טעלעפאן הילקרעסט 5795. קען ארבייטען אויער טיים.
10926—4—6

א פארטנער פארלאנגט פאר קלינינג און פרעסינג און טיילארינג ביזנעס 351 ליפינקאט סטריט
10934—4—8

א גרויסער סטאק ריינקאוטס אלערליי קאלירען פאר פרויען און מענער ביליגער ווי איבעראל, באקס און פינטס בעקס האוטס 225 יוראן סטריט. קאל. 9618.
10932—4—8

פרעסערס פערלאנגט צו בלומערס, גוטע פיי סטעדי ארבייט. לעווין בראדערס 64 טעמפערענס
10939—4—7

א מיידעל פערלאנגט צו ארויסנע מען פעדעמס, גוטע פיי. סטעדי ארבייט לעווין בראדערס 64 טעמפערענס סט
10938—4—7

פארלאנגט עקספיריענסד דרעינער צו קלאוקס און סוטס מוז האבען רעפערענסעס א גוטע געלעגענהייט פאר דעם ריכטיגען מאן.
שרייבט זשורנאל באקס 566
10943—4—12

פערלאנגט א דרייווער צו פיהרען סאדא וואסער, סטעדי ארבייט, גוטע ווידזשעס, ער מוז קענען שרייבען. די יוניאן סאדא וואסער קאמפאניע 30 פעטריק סטריט.
10937—4—8

פארלאנגט א פרוי אדער א מיידל פאר הויז ארבייט 40 דאלאר א מאנ 41 אלסטער סטריט.
10935—4—8

צו פערענטען

א סטאר צו פערענטען. אין פיטערבארא. שעהן אויפגעפיקסט, אויף דער הויפט ביזנעס סטריט נעבען סענטער, קליינע רענט, 3 יאהר ליעס, פאסיג פאר ליידעס אדער מענס רעדי-טו-וועהר מיליענערי, מוז אומקעהרען עקספענסעס פאר דעקארייטען און אפקויפען פיקטשורס, צוזאמען ביי $800 נאכפרעגען נ. ליווי 106 ספעדיינא עוו.
0774—4—26)

צו פארדינגען א גרויסע רום ביי אנשטענדיגע פאמיליע, אלע קאנוויניענס, טעלעפאן, ערשטען פלאהר 46 גרענו עוועניו. טעלעפאן קאלעדזש 2367
10931—4—6

צו פארדינגען 2 אדער 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס 434 מארקהעם סטריט
10946—4—14

איך וויל רענטען א הויז נארט אף קאלעדזש צווישען באטהירסט און ספעדיינא, לאזט וויסען ביי טעלעפאן קאלעדזש 9213. איך בין צופריעדען צו צאהלען גוטע רענט.
10947—4—8

שעכטערס
אפיס איז אפען יעדען טאג.
פון 9 ביז 9.
ריעל עסטייט, אינשורענס
מעריזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, געזעצליכע דאקומענטען און אויך גענעראל אגענטען פאר אלע אידישע צייטונגען, אין לאנדאן, ברענטפארד, סענט קעטערינס, גאלט, דאנדאס און האמילטאן. אדווערטייזונגען פאר'ן „זשורנאל“ ווערען אנגענומען לויט דעם אפיס פרייז.
אפיס 679 בארטאן סט. איסט, טעלעפאן גארפילד 127.
הויז 65 איסט אוו. נארטה. טעלעפאן רעג. 5589.
James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Licence

פיעלע אידישע קינדערלאך

האבען אויף פסח זייערע נייע סוטלעך און שיכלאך געקויפט פון דעם .וואס זיי האבען געזאמעלט אין דעם באנק פון

מר. ה. וויינבערג

BANKER

251 קווין סטריט וועסט (אין אפיס פון אידישען זשורנאל)

קומט אריין צו מר. ה. וויינבערג, און איהר וועט פון איהם באקומען א מתנה פאר אייער קינד א שעהנעם אנציהענדען קליינעם אייזערנעם סייף, אין וועלכען אייער קינד וועט קענען שפארען.

הונדערטער טאראנטאר קינדער האבען שוין אזעלכע סייפס ווארום זאלט איהר אויך ניט באקומען איינע אויך פאר אייער קינד.

עפענט פאר אייער קינד אדער פאר אייך א „סייווינגס אקאונט“ ביי

מר. הערי וויינבערג

BANKER

251 קווין סטריט וועסט

6-טער אפריל 1920

ה פערלאנגט

ורה עץ חיים מאכט
אס מיר וועלען צו
ינדער אין תלמוד
ביז ראש חודש אייר
זכה.

יטארס צו ליידיק
ן דרעסעס העכסט
סטעדי ארבייט
פרעגען אין דע
עריס גארמענט 2
4—10945

ט עקספיריענסד
ער צו ליידים קא וטס.
בייט און גוטע וו.יד-
נאלדער קלאוק קא.
סט
6—4—10940

ענסד
רם
עס.
רבייט גאראנטירט.
לייד סט. וועסט
10910—4—9)

ט א ליידיס טיילאר, סטעד
גוטע וויידושעס. נאכפרעגען
ראוד, טעלעפאן הילקרעסט
ארבייטען איווער טיים.
.10

ר פערלאנגט פאר קליינג
אין טיילארינג ביזנעס
אט סטריט
10

ר סטאק רוינקאוטס אלערליי
ר פרויען און מענער ביליגער
, באקס און פינטס בעקס
יוראן סטריט. קאל. 9618.
.10

פערלאנגט צו בוטמערס,
סטעדי ארבייט.
אדערס 64 טעמפערענס ס
10

דעל פערלאנגט צו ארויסנע
ס, גוטע פיי. סטעדי ארבייט
אדערס 64 טעמפערענס סט
10

ט עקספיריענסד דעזיינער צו
ן סוטס מוז האבען רעפערענ-
ע געלעגענהייט פאר דעם ריכ-
ט זשורנאל באקס 566
1094

ט א דרייווער צו פיהרען סא-
ר, סטעדי ארבייט, גוטע
, ער מוז קענען שרייבען. די
רע וואסער קאמפאניע 30 סט
סטריט.
1093

אנגט א פרוי אדער א מייד
ארבייט 40 דאלאר א מאנ
ער סטריט.
1093

צו פערענטען

סטאר צו פערענטען.
טערבארא. שעהן אויפגעפיקסט.
הויפט ביזנעס סטריט געבען
קליינע רענט, 3 יאהר ליעס,
אר ליידעס אדער מענס רעדי-
מיילערינג, מוז אומקעהרען
עס פאר דעקארייטען און אפ-
פיקטשורס, צותאמען ביי 800$
ען נ. ליווי 106 ספעדיינא ווע.
0774—4—26)

פאררענטען א גרויסע רום ביי
ינע פאמיליע, אלע קאנוויניע
, ערשטען פלאהר 46 גרענ
טעלאפן קאלערזש 2367
.10931

פאררענטען 2 אדער 3 רומס מיט
וויניענס 434 מארקהעם סטריט
10946

ר וויל רענטען א הויז נארט או
ט צווישען באטורסט און ספי-
לאזט וויסען ביי טעלעפאן קא-
.9213 איך בין צופריעדען צו
גוטע רענט.
10947

שעכטערס

פיס איז אפען יעדען טאג.
פון 9 ביז 9.
על עסטייט, אינשורענס
וש לייסענס, סיטיזען פייפערס, גע-
ע דאקומענטען און אויך גענעראל
ען פאר אלע אידישע צייטונגען,
גראן, ברענטפארד, סענט קעטה-
גאלד, ראנדאס און האמילטאן.
טייזונגען פאר׳ן „זשורנאל“ ווערען
ימען לויט דעם אפיס פרייז.
פיס 679 בארטאן סט. איסט, טע-
נארפילד 127.
ויז 65 איסט אוו. נארטה. טעלע-
ען. 5589.

James L. SHEKTE
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Licen

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
• PUBLISHED BY •
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251 - 253 Queen Street West
Telephone Adelaide 3067
Subscription Rates
$5.00 Per Year
Single Copy — 2 Cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ontario
January 22nd. 1913.
TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO

וועמען וועט עס צופריעדענשטעלען?

ווען די ענגלישע רעגיערונג האט אריינגעטראגען אין פארלאמענט איהר ,,האום רול'' ביל, איז דער געזעץ אטאקירט געווארען פון אלע זייטען. דער פארשלאג פון דער ענגלישער רעגיערונג באשטעהט אין דעם אייגענטליך, וואס מען זוכט נאר צו פארמיידען סכסוכים צווישען דער פראטעסטאנטישער אלסטער געגענד איבן די קאטוילישע געגענדען, און דארום האט די רעגיערונג פארגעשלאגען, אז עס זאלען געשאפען ווערען צוויי באזונדערע פארלאמענטען, און אויך איינער א פאראייניגטער פארלאמענט. און דיזען פראיעקט איז איהר ענדליך געלונגען דורכצופיהרען אין ,,האוז אף קאמאנס''.

די ,,שין - פיינערס'' פארשטעהט זיך זענען געגען, ווייל זיי ווילען זיך ניט באנוגענען מיט ווייניגער ווי אן אירלענדישע רעפובליק, וואס זאל פאלשטענדיג זיין זעלבסטשטענדיג. אבער אויך די אלסטער נאציאנאליסטען זענען ווייט ניט צופריעדען מיט'ן פראיעקט, און זייער פיהרער קארסאן האט ערקלעהרט, אז ער וועט עס ניט זוכען צו באקעמפען, אבער ער וועט קיינמאהל די זאך ניט אונטערשטיצען. די ארבייטער פארטיי וויעדער און די אסקוויט ליבעראלען האבען אויך זייערע מאטיווען, ווארום זיי זענען געגען דעם ,,האום רול'' פלאן, און ווי עס ווייזט אויס, איז מעהר ווי די לאיד דזשארדזש קאאליציע שטיצט עס ניט.

און דערווייל געהט דאס לעבען מיט זיין גאנג.

די ,,איסטער - טעג'' אין אירלאנד האבען שוין באקומען א חזקה אין די לעצטע עטליכע יאהר צו זיין טעג פון אונרוהען. און אויך דאס יאהר איז עס ניט געוועזען קיין אויסנאהם, און די אונרוהען וועלכע האלטען שוין אן א לענגערע צייט דארטען, זענען וויעדער באנייט געווארען סוף וואך.

אין פיעלע שטעדט און שטעדטלאך האט מען אונטערגעצונדען רעגיערונגס - פלעצער, און געזוכט צו פארברענען וויכטיגע דאקומענטען, באזונדערס די רעקארדס וועגען איינמאהנען די שטייערען.

ווי די ,,אסאשיאייטעד פרעס'' גיט איבער אין א באריכט פון דובלין, זענען ווענינסטענס פינף און דרייסיג פאליציי - באראקען אטאקירט געווארען, און איב עס זענען ניט געוועזען קיין קרבנות דערביי, איז עס דערפאר, וואס די פאליציי האט זיך געריכט אויף דעם, און זיי זענען דארום אפגעצויגען געווארען אין די ארומיגע קאנצענטראציאנס - לאגערען.

די ,,שין - פעינערס'', וועלכע ארגאניזירען דאס אלעס, האבען אויך אין פיעלע פלעצער ארויפגעצויגען די רעפובליקאנישע פאהן, און געמאכט אנדערע ארויסטריטען, און איב עס איז ניט געקומען צו קיין בלוט - פארגיסונגען איז עס געוועזען צוליעב דעם, וואס פון איין זייט איז דאס מיליטער געוועזען גוט צוגעגרייט, און פון דער צווייטער זייט האבען אי די ,,שין - פעין'' פיהרער אי זייערע צייטונגען גערופען די יוגענד צו קאנטראלירען זיך, ניט צו פארלירען זיך, זיין צוריקגעהאלטען, און די לעצטע האבען געפאלגט.

און דאס אלעס, אט דער גאנצער ,,איסטערטייד'' טומעל קומט פאר נאכדעם, ווי לאיד דזשארדזש און א. באנאר לאו דענקען אז זיי האבען די אירלענדישע פראגע געלעזט.

דער ביל איז טאקע אנגענומען געווארען אין פארלאמענט מיט א גרויסער מאיאריטעט, אבער שטעלט ער עמיצען צופריעדען?

פאלגט נאך דעם ביישפיעל

די ,,דזשאינט באארד'' פון די היגע קלאוקמאכער יוניאנס האט געמאכט דעם אנהויב, און זייער ביישפיעל דארף נאכגעפאלגט ווערען פון אלע אידישע ארבייטער ארגאניזאציעס.

די ,,דזשאינט באארד'' האט באשלאסען צו רעקאמענדירען צו אלע איהרע אנגעשלאסענע יוניאנס, אז א טאג פארדיענסט זאל פון די ארבייטער ביי ,,קלאוקס און סוטס'' זאל געגעבען ווערען צום מיליאן דאלאר קאמפיין פאר די מלחמה קרבנות. א רעקאמענדאציע וואס וועט זיכער דורכגעפיהרט ווערען.

אבער די ארבייטער ביי פרויען - קליידער דארפען ניט בלייבען די איינציגע אנצונעהמען אזא באשלוס. די מענער - שניידער, די ,,קעפ - מייקערס'' די ,,העט - ארבייטער'', און אלע אנדערע אידישע יוניאנ'ס דארפען נאכפאלגען דיזען ביישפיעל, און ביישטייערען א טאג ארבייט פאר די מלחמה און פאגראם קרבנות.

דער דומער קערל פון וויען לעבט

(ספעציעלע קארעספאנדענץ צום ,,זשורנאל'') פון לייבל טייבש.

,,...איז דען דער ,,דומער קערל'' פון וויען נאך אלץ נישט געשטארבען? געפאלען אדער פערהונגערט? אט די שאלה פרעגט א ניו יארקער באנקיר ביים ווינער קארעספאנדענט פון דער ניו יארקער שטאאטסצייטונג. דער ,,דומער קערל'' פון וויען איז כידוע, א שם הכולל פאר דעם געדאנקענלאזען ווינער, וואס גיט זיך ניט אפ קיין חשבון, לעבט אין טאג אריין און לאזט זיך באהערשען פון כל ערליי דעמאגאגען, ווערט נתפעל פון יעדען שלאגווארט. ,,פאר עטליכע וואכען'', שרייבט דער ניו יארקער באנקיר אין זיין בריעף, ,,האבען אונזערע צייטונגען געבראכט ידיעות מכח אידען העצען אין וויען. ס'ווייסט אויס אז מען האט אין וויען נאך אלץ ניט געלערענט אונטערצושיידען צווישען אנשטענדיגע אידען און ניט אנשטענדיגע. ווי אזוי מען דענקט ביי אונז איבער אזעלכע אידען העצען בעדארף איך אייך ניט זאגען. די היגע אידען וואס גיבען זייער געלד צו דעם ווינער קינדער רעליעף, פרעגען ניט נאך, צו העלפט מען דערמיט אידישע אדער קריסטליכע קינדער. זיי גיבען פשוט פאר הונגעריגע ווינער קינדער, גיבען גערן און א סך...''

דער דומער קערל פון וויען איז אבער, ליידער, טאקע אלץ נאך ניט געשטארבען, אדרבה, ער לעבט וואס א מאהל מעהר אויף. ס'איז זיכער ניט קיין איבערטרייבונג וואס דער פריהעריגער קריסטליך - סאציאלער בירגערמייסטער, דר. ווייסקירכנער קאנסטאטירט אויפ'ן קריסטליך - סאציאלען פארטיי טאג, אז די שטימונג פון דער ווינער בעפעלקערונג קעהרט זיך אום אויפ'ס ניי צו דער קריסטליך - סאציאלער פארטיי. עס איז אויך קאנסטאטירט געווארען, אז די קריסטליך - סאציאלע ארגאניזאציע מאכט גרויסע פארשריטע און געווינט וואס א מאהל מעהר ארגאניזירטע פארטיי - אנהענגערס. אזוי איז למשל די צאהל פון ארגאניזירטע קריסטליך - סאציאלע פרויען געוואקסען פון 12,000 אויף 43,000, דאס איז מעהר ווי דריי מיט א האלב מאהל אזוי פיעל.

און דאס איז ניט ביים ,,דומען קערל'' פון וויען לייכט צו ערקלעהרען. תיכף נאך דער רעוואלוציע אין נאוועמבער פון פאריגען יאהר האט זיך דער עולם א ווארף געטאן צו די סאציאל - דעמאקראטען, מחמת יעדער האט געגלויבט, אז אזוי ווי די אלטע הערשענדע פארטיי, די קריסטליך - סאציאלע, קען ניט געבען ביליגע לעבענסמיטעל און קליידונג, כבן וועט די סאציאל דעמאקראטישע פארטיי, ווען זי וועט איבערנעהמען די ממשלה, אוודאי ברענגען די ישועה. דאס איז אבער געוועזען א פאלשער גלויבען. אדרבה, די פערהעלטנישען זיינען נאך א סך ערגער געווארען, ווי בשעת דער רעוואלוציע, און דאס לעבען איז געווארען אין יעדער הינזיכט פיעל טייערער, פיעל שווערער. פריהער איז נאך ווי עס איז דאך געווען א געמיינזאם עסטרייך - אונגארן, א מלוכה פון 50 מיליאן איינוואוינער מיט פערשיעדענע פראדוקטיווע, ווירטשאפטליכע און אינדוסטריעלע פראווינצען און לענדער. וואס עס האט געפעהלט אין איין געגענד האט זיך געפונען אין דער אנדערער. אז גאליציע האט למשל געהאט נאפט, בעהמען האט געהאט צוקער אדער אונגארן האט געהאט תבואה; אזוי האבען אט די אלע זאכען אין וויען און אין גאנץ נידער עסטרייך ניט געקענט גאנץ פעהלען. היינט אבער אז די פריהעריגע מלוכה איז צוריסען געווארען, פעהלען פערשיעדענע פראדוקטען, און אז מען מוז עס קויפען אין אויסלאנד, קאסט עס זעהר טייער. — זאגט איצט דער ,,דומער קערל'', אז די סאציאליסטישע רעגירונג איז אין דעם שולדיג, און אזוי ווי עס געפינען זיך אין דער סאציאליסטישער פארטיי א געוויסע צאהל געטויפטע און ניט געטויפטע אידען איז דער ווייטערדיגער פועל יוצא שוין ממילא זעלבסט פערשטענדליך, אז שולדיג אין אלעמען, אינ'ם הונגער, אין דער טייערונג, אינ'ם וואהנונגס - מאנגעל און אלע איבעריגע צרות און פיין וואס דער אומגליקליכער קריעג האט מיט זיך געבראכט איז דער אלטער ,,שעיר המשתלח'' — דער איד!

איבערהויפט איז עס זעהר א ביליג פערגעניגען צו העצען אנטקעגען די ,,פרעמדע''; דאס זיינען יענע אומגליקליכע נפשות וואס זיינען ביים אנהויב, אדער בשעת דער מלחמה אנטלאפען פון שונא און געזוכט שוץ אין די מחוזות וואס זיינען ווייטער פון די שלאכטפעלדער. אט די אלע, נאטירליך, לויטער אידען — זיינען א דארן אין די אויגען ניט בלויז פון די קריסטליך סאציאלע, נאר אפילו פון די סאציאל - דעמאקראטען. נור האבען די לעצטע אביסעל מעהר שכל, אביסעל מעהר פאליטישען זין און אביסעל בושה פאר דער אויסענוועלט פאר דעם באקאנטען ,,למה יאמרו העמים'' וואס וועט די וועלט דאצו זאגען? דער ,,דומער קערל'' פון אינסברוק האט אבער פאר די אלע זאכען ווייניג וואס פארשטענדניש און דער טיראלער לאנדעסראט פאסט זיך פאלגענדען באשלוס.

די לאנדעס - רעגירונג ווערט אויפגעפאדערט. —

1. צו פערבאנלאסען אז אלע פערזאנען, וואס זיינען ניט צושטענדיג אין טיראל און וואוינען ניט דארט שוין פאר דעם 1914 יאהר זאלען זיך תיכף מעלדען.

2. צו איבערפריפען די אויפהאלטונגס - באוויליגונג פון אלע געמעלדעטע פערזאנען.

3. די אלע פערזאנען וואס זיינען ניט אין טיראל צושטענדיג און געפינען זיך ניט אין עפענטליכען אדער פאלקס ווירטשאפטליכען דיענסט אויסצוווייזען און די אויסווייזונג תיכף דורכפיהרען.

בסך הכל געפינען זיך אין דעם שטייקעל טיראלער געביעט, וואס איז נאך פארבליבען ביי עסטרייך בלויז עטליכע געצעהלטע פליכטלינגע. קיין סך איז דארט קיינמאל ניט געוועזען, אפילו בשעת מלחמה אויך ניט. מחמת די פליכטלינגע האבען זיך תמיד געצויגען אהין, וואו עס געפינט זיך גרויסע אידישע געמיינדעס און זיי קענען האבען אנשלוס אן די היימישע גלייבענס ברידער. אין טיראל אבער האט די גרעסטע אידישע געמיינדע, די הויפט שטאדט אינסברוק, בלויז קרוב צו הונדערט משפחות. דערפאר האט דער גאליצישער אידישער פליכטלינג, וואס האט כסדר געזוכט דאס אידישע לעבען זיך אהינצו ניט געצויגען. דאס מאכט אבער ניט אויס, אויך די פאר געצעהלטע אידען, וועמענס היים עס איז צושטערט און פערניכטעט געווארען פונ'ם שונא'ס חיל און האבען ניט וואוהין צוריק צו קומען, אויך זיי מוזען אומברחמנות'דיג אויסגעוויזען ווערען, ווייל זיי זיינען אומגליקליכע אידען!

דאס איז א בעשלוס פון דעם לאנדעסראט, די העכסטע פאליטישע בעהערדע, אנטקעגען ,,פרעמדע'' אידען. אקעגען היימישע אידישע בירגער וויעדער, וואס זיינען אין טיראל יא צושטענדיג און מען קען זיי נישט אויף א קורצען וועג ארויסווייזען לאזט זיך דער ,,דומער קערל'' הערען אויף אן אנדער אופן. אין שטאדטישען זאל אין אינסברוק אויף א פערזאמלונג פון דעם אנטיסעמיטישען בונד, האלט אן אינזשיניער ריידעל, א בלוטיגע העצע רעדע אקעגען רעוואלוציאנערען און נאטירליך, אידען און זאגט זיך דאס פאלגענדע. —

,,אויב מ'רעדט פון א דראהענדיגער רעאקציע, אזוי זאל זיך דאס בירגערטום זיך ניט שרעקען, נור דארויף געבען א תשובה, אז מיר האבען שוין אין פערלויף פון דער רעוואלוציאן אין אנדערע מדינות אזוי פיעל געלערענט, אז מיר זיינען מוכן ומזומן די רויטע גווארדיע מקבל פנים צו זיין. אבער מיר וועלען ביים ערשטען איבערפאל די אידען אין טיראל ערקלעהרען פאר הפקר און זאגען אז מיר וועלען זיך נוקם זיין אן אלע טיראלער אידען, אלס די אורהויבער און אנהענגער פונ'ם באלשעוויזם. דאס וואלט נישט געוועזען קיין שלעכטע תשובה אויף די כסדר'דיגע דראהונגען מיט'ן בירגער־קריעג''. נאטירליך, פאטשט דער עולם בראווא אויף דער גרויסער חכמה פונ'ם ראזיגען רעדנער.

און אנדער רעדנער, א הער דר. פפאנדלע דערצעהלט דעם עולם איבער די שלעכטע אידישע מדות און זאגט, אז דער איד האט ניט קיין מיטגעפיהל מיט אנדערע מענשען. עפעס איין אומשולדיגע פרוי, וואס האט מן הסתם ניט איינמאל מקבל טובה געוועזען פון אידען קען דאס ניט דערלאזען און מאכט א צווישענרוף. ,,דאס איז ניט אמת, דער איד האט יא מיטגעפיהל!'' כאפט זי עטליכע קשה'דיגע קלעפ און ווערט פון דער פערזאמלונג ארויסגעווארפען.

וועלען די הארציגע ווערטער פון דעם אמעריקאנישען באנקיר, ,,אז דער איד גיט פשוט פאר הונגעריגע ווינער קינדער, אז ער גיט גערן און א סך''.. מאכען וואס פאר עס איז ווירקונג אויפ'ן ,,דומען קערל'' פון אינסברוק צו פון וויען? דער דעמאגאג ווייסט דעם אמת, נור ער זאגט איהם ניט ארויס דארט וואו עס נוצט איהם ניט. אט הערען מיר זייט וואכען און חדשים, דא אין וויען זיך שטארק בעקלאגען אויף ,,די פרעמדע'', עס הייסט אויף די גאליצישע און בוקאווינער אידישע פליכטלינגע וואס איבערפילען די שטאדט. איצט ווערט פארעפענטליכט די אפיציעלע סטאטיסטיק איבער דעם רעזולטאט פון דער פאלקס צעהלונג. ס'שטעלט זיך גאר ארויס אז די שטאדט וויען איז בכלל ניט איבערפילט, אדרבה, די צאהל פון די היגע איינוואוינער איז היינט ווייניגער ווי פאר צעהן יאהר מיט קרוב צו צוויי הונדערט טויזענט. דעם 31-טען דעצעמבער 1910 האט זיך געפונען אין וויען א בעפעלקערונג פון 2.031.498 נפשות, הערפון 973.661 מענליכע און 1,057.837 ווייבליכע. איצט געפינט זיך בלויז 851.694 מענליכע, און 987.014 ווייבליכע נפשות, צוזאמען 1.838.708, דאס איז גע[illegible] מיט 192.790 ווייניגער. דער העש[illegible] דער ,,איבערפילונג'' פון וויען איז בכן אן אומזיסטיגער און דער זעלבער וו[illegible] שרייט אויף די פערזאמלונגען, אז וויען איז צו שטארק איבערפילט און מ[illegible] העבראה די ,,פרעמדע'' משלח זיין, [illegible] זיך איצט ווידער וועגען דעם צו[illegible] פון דער ווינער בעפעלקערונג. דאס האט מען דייטליך געהערט ביים [illegible]עצטען קריסטליך סאציאלעם פארטיי טאג, וואו דער דר. ווייסקירכנער וויינט מיט ביטערע טרעהרען. — ,,מיר האבען גערעדט און וויען צוויי מיט א פערטעל מיליאן מענשען, מיר זענען לויט דער לעצטע[illegible] פאלקס - צעהלונג געזונקען אויף איין מיליאן מיט אכט הונדערט טויזענט''. ער מאכט דעם צוריקגאנג נאך גרעסער, ווי ער איז פאקטיש, און ער העצט געגען די די אידען דערפאר וואס וויען האט ווייניגער איינוואוינער, און דער ,,דומער קערל'' מערקט ניט אז די זעלבע דעמאגאגען האבען ערשט נעכטען געהעצט געגען די אידען ווייל, ווייל זיי איבערפי[illegible]לען די שטאדט.

דער ,,דומער קערל'' פון וויען בלייבט אונשטערבליך!

דער בוים

(פון אוקראאינישע לעגענדען)

פון ל. מלאד

אוקראינע —
איך פאהר ביי דיר אויף קבר אבות ציטערדיג אצינדער,
עס איז מיר נישט קיין וואונדער
די גרויסע שפע פון די פעלדער דיינע;
עס חדושט מיך נישט, וואס דיין ערד איז אזוי פעט —
פון גאנצע דורות אידיש בלוט, האט אין זיך איינגעזויגען,
בעוואסערט מיט די טרעהרען פון די ברידער מיינע.

אוקראינע —
אין קיין מדינה האט נאך ניט אזוי ארומגעטאנצט דער-טויט,
ווי דא ביי דיר.
און גאט מיין גאט, צו דוכט זיך מיר —
איך זעה די גראזען, אנשטאט גרינע, וואקסען רויט.

אוקראינע —
דער בעל עגלה יאגט און יאגט די פערד,
און נעבען מיר זיצט אויף דער פוהר פארקלעהרט
אן אלטער איד, אן איינגעבויגענער, וואס לעבט קוים, קוים
''דערצעהלט מיר עפעס — בעט איך זיך — פון יענע טעג''.

— — — —

''דו זעהסט, דארט ביי דעם וועג
שטארט אין דער לופט ארויס אן אלטער בוים,
איצט קוק זיך אום
און פרוב געפינען דא ארום און ארום
א זכר פון א דארף, ווי פון א וואלד,
און וואו דיין בליק פאלט —
א הוילער רוים,
חוץ יענער אלטער בוים...

אין יענעם טאג, פון וועלכען איך דערצעהל,
איז גראד געוועזען אזוי העל;
די זון האט חוצפה'דיג די אויגען אויסגעשטאכען,
אין יעדענס בליק, א שרעק געוועזען איז א שטומע,
און עפעס ווי פאר עפעס זיך געשראקען,
און אויסגעבראכען
איז פלוצלינג די מהומה, —
עס האבען רעש'דיג צוקלונגען זיך די קלויסטער גלאקען,

און אומגעלאפען זענען אידען ווי צומישט,
געלאפען אומעטום און ערגעץ נישט;
און יעדערער מיט אימה האט פארשטאנען —
די היידאמאקעס-רוצחים קומען,
און יעדער האט אין איילעניש פון דאנען
דאס ווייב און קינד ארויסגענומען,
און וועד עס האט געקאנט, אויף וואגענס זיך ארויפגעכאפט,
און דאס ביסעל האב און גוטס אין קעלערן פארקלאפט
און וועד עס האט געקאנט, — אין גריבער עס בעהאלטען . . .

— — — —

האט אין דער שטאדט אן אלטער איד געוואוינט.
איז מיט א ווייסער עלטער ער געוועזען בעקרוינט:
מיט ברעמען — אלט און לאנג, און אויגען — טיעף און שווארץ
א פולען מוח תורה, יראה — אינ'ם הארץ,

אין יענעם טאג... דער לעצטער וואגען איז געשפאנט
און פלוצלונג האט זיך עמיצער דערמאהנט
אן יענעם איד דעם אלטען:
ער איז שנעל צו איהם אין הויז ארייגעלאפען
און דארט, ווי אלע מאל, געטראפען
איהם זיצען ביי אן אפענער גמרא.
ער האט דערצעהלט איהם פון דער סכנה, פון דער צרה
און האט דעם זקן איילענדיג ארויסגעפיהרט.
דער וואגען האט געריהרט . . .

די זון איז טיעף פארזונקען אין איהרע גסיסה שטראהלען;
אין מזרח איז דער בין השמשות צוגעפאלען
פון אויפ'ן וועג האט זיך די לעצטע פוהר געצויגען
מיט די אנטלאפענע דערשראקען,
און צווישען זיי געזעסען איז דער זקן,
דעם קאפ אראבגעבויגען,
געדאווענט מנחה פאר זיך שטיל.

און פלוצלונג — הארך, ער וויל
דער בעל עגלה, אבשטעלען זאל די פערד —
שמונה-עשרה דארף ער שטעהן . . .
און אלע האבען זיך ביי איהם געבעטען:
''די סכנה איבער אונזערע קעפ שוועבט,
מיר מוזען שנעל פון דא אבטרעטען''.
און דא און דארט א קראך האט זיך געהערט,
און דא און דארט האט זיך א פייער-זייל געוויזען,
ער איז אבער געבליבען איינגעשפארט:
ווי לאנג ער לעבט
האט ער שמונה-עשרה שטעהן נאך נישט פארפעהלט.

און פלוצלונג האט דער וואגען ווי פון זיך אליין געשטעלט
און מיט'ן לעצטען כח קוים
איז ער אראב און זיך געשטעלט
אין מיטען פעלד
שמונה-עשרה ביי דעם אלטען בוים.

— — — —

א ביסעל האט די פוהר אויף איהם געווארט,
און פלוצלונג האט מען קולות רוצח'ישע געהערט;
עס האט זיך א ריס געטון די פערד,
אנטלאפען מיט דער פוהר ווי פון א סכנה.

— — — —

און ביי דעם בוים געדאווענט מיט כונה
דער אלטער האט.
אזוי מתפלל זענענדיג צו גאט,
האט דורכגעשניטען אין דער לופט געשרייען
און קולות רוצח'ישע פון ווייטען,
געקומען זיינען עטליכע צו רייטען
פון קאפ ביז פיס בעוואפענט מיט כלי-זין

— — — —

וואס איז געוועזען דער סוף ?
צו זיינען זיי געווארען פול מיט כעס,
צו האבען זיי געמאכט זיך שפאס —
געהאנגען האבען זיי איהם אויפ'ן זעלבען בוים אויף,
און קיינער ווייסט ניט, צו עס האבען
די רוצחים ערגעץ איהם בעגראבען,
צו זיינען גאר אראבגעקומען
מלאכים און אין הימעל איהם אויפגענומען...
און וואו ער איז, מיין קינד,
ווייס קיינער נאך נישט ביז אצינד.

דער בוים איז אבער, ווי ער איז געווען
אין יענעם בין השמשות דאן געבליבען שטעהן
און מען דערצעהלט —
געדיכטע פעלדער זיינען דא געוועזען פיעל,
נור עס האט א שרפה אלץ צושטערט
און דערפלעך אויסגעגלייכט ווי מיט דער ערד,
און שטורם-ווינטען האבען שוין געבלאזען
נאר אט דעם בוים אליין געלאזען,
קיין בלעטעלע קיין איינס אפילו ניט ארויסגעריסען,
און שטיל
דא אין'ם מיטען פעלד
פערגליווערט האלב און האלב צעבליהט,
ווי אן עדות ווי א שטומער,
שטעהט ער אזוי, סיי ווינטער און סיי זומער,
און שטארט ארויס מיט פחד אין דער לופט.
ווי א מצבה, וואס דערמאהנט אן יענעם איד.

און שוין נישט איינער האט געפרובט
אונטערזעגען
דעם שטומען עדות פון דער שרעקליכער רציחה
און ווען עס פלעגען
די הענד זיך אויסשטרעקען מיט דער זעג,
איז יענער שוין געפאלען טויט.
אזוי ניט איינער, מחנות גאנצע, טעג נאך טעג,
געפאלען זיינען האקענדיג דעם בוים פון יענעם סוד
און עד היום
שטעהט רוהיג אין פערשטיינערטער מנוחה
דער אלטער בוים. . .
און מיט די ווארצלען בוימער אויסגעריסען,

THE DOMINION BANK

סיטי האל ברענטש

קאר. קווין און טעראלי סטריט טאראנטא

3% אינטערעסט געצאהלט אויף סייווינג אקאונטס פון א דאלאר און העכער.

ברענטשעס אין טאראנטא

וו. וואלקער מענערזשער

דער אומגליקליכער קרוין

א ראמאן אויס דעם אידישען לעבען אין קענעדע

— פון —

ב. באראַץ

פארפאסער פון דער שעהנער רבקה, איהרע געהיימניסע פייגעלע און אנדערע ראמאנען.

(2־טע פארזעצונג.)

„איך בין דערביי אליין געווען, און האב אנטייל גענומען אין דעם שפאס, גע־וואוסט האב איך אז סוף כל סוף וועט עס דערצו קומען, איך האב אבער מעקס'ן שמערצען ניט געוואלט פארשאפען, און האב איהם אויך קיין זאך ניט אויפ־מערקזאם געמאכט.

„ווען ער האט דערזעהען, אז זי מיינט עס ערנסט, איז ער בלויז שטארק ברויך געווארען און האט מאדנע געשמייכעלט אזוי שמייכעלט, גלויב איך, בלויז א מענש וועלכער איז פאראורטיילט צום טויט, אויב ער שמייכעלט, ווי מען דערצעהלט אויף איינינע פאראורטיילטע, וועלכע זענען געגאנגען צום טויט מיט א שמייכעל אויף די ליפען.

„מיר זענען פון דארטען אוועק באלד נאכדעם. די גאנצע וועג ביז צום האטעל, האט ער קיין ווארט ניט גערעדט, נאר אזוי שנעל ווי מיר זענען אריין אהער אין צימער האט ער גלייך געארדערט צעהן פלעשער שנאפס. איך האב מורא געהאט איהם א ווארט צו פרעגען, ער האט איינפאך אויסגעזעהען ווי א ווילדער, און האט זיך גענומען צום טרינקען. א גאנצע נאכט געטרונקען, און היינט א גאנצען פריה מארגען האט ער געהאלטען אין איין טרינקען, און יעצט זעהט איהר דאך אז ער איז מעהר טויט ווי לעבעדיג. אך, וויפיעל ער האט געוויינט, מיין גאט! די אויגען האבען זיך איהם גוט אויסגעטריקענט, דאס איז דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען וואס איך זעה אז א מאן זאל אזוי פיעל וויינען".

העררי האט זיך אינסטינקטיוו א טרייסעל געטאן ווי א קעלט וואלט איהם באפאלען.

„דו ווייסט הערי! מיר איז די גאנצע זאך געווארען שטארק אינטערעסאנט, האט זיך אפגערופען סאלאמאן, איך האב געוואוסט, אז ער האט עפעס געהאט א מיידעל, אבער קיין איינצעלהייטען האב איך ניט געוואוסט, און האב זיך ניט אינטערעסירט צו וויסען, אויב דו ביזט אזוי באקאנט מיט דער גאנצער געשיכטע, דערצעהל זיי פון אנפאנג אן."

„אָ, הער אויף צו דערצעהלען א כפאריק, האט זיך דייוו ארויסגעכאפט, קיינעם מעשות ווילט זיך איהם, פאקנט מיך, לאמיר איהם אויפוועקען און ארויספיהרען איהם אויף קעדזו סטריט, וועלען איהם די „בּיזנעס" אויסניכטערען פון זיין ליעבע.

העררי האט איהם אויף דעם ניט געענטפערט. ער האט אויף איהם בלויז געווארפען א בייזען בליק, און זיך ווענדענדיג צו סאלאמאנען, האט ער געזאגט נאך קוקענדיג אויף העררין.

„ער מיינט, אז אלע זענען אין איהם געראטען.... איהר ווייסט דאך אז מעקס וועט אין אזעלכע פלעצער ניט געהן. ער איז אהין קיינמאהל ניט געגאנגען און וועט ווייטער אהין ניט געהן.

„דערצעהל עס דיין באבען. זאל ער נאר אויפשטעהן, וועלען מיר שוין זעהען! האט דייוו שטעכיג געענטפערט.

„עס ווייזט אויס, האט זיך סאלאמאן אריינגעמישט, אז איהר ביידע קענט ניט לעבען ניט קריגענדיג זיך. איהר געפינט שוין פארוואס צו קריגען זיך. לאזט איבער די דאזיגע פוסטע זאכען, און דערצעהלט מיר בעסער, ווער איז און וואס איז מיט איהר אזוי דער יתום, וואס זי נעהמט זיך איבער פאר איהם און וויל איהם ניט. דאכט זיך, אז מאקס איז א יונג מיט אלע מעלות, רייך, שעהן, געזונט, א מענש מיט א גוטען כאראקטער, וואס נאך קען א מיידעל וועלען אין א מאן?

„יא, דו ביזט גאנץ גערעכט סאלאמאן, אבער יעצט ווען איך האב די גאנצע זאך דורכגעטראכט, בין איך געקומען צום שלוס אז עס איז ניט איהר שולד.

„וואס הייסט, ניט איהר שולד? האט זי דען איהם ניט אנטזאגט, ערקלעהרענדיג איהם, אז זי ליעבט איהם ניט?!

„יא. אזוי איז דאס געווען. איך בין אבער זיכער, אז זי האט ניט געזאגט דאס, וואס זי האט געמיינט. איך בין זיכער, אז זי ליעבט איהם נאך יעצט פונקט אזוי הייס און שטארק ווי ער ליעבט זי.

„דאן פארשטעה איך דיך ניט אין גאנצען הערי."

„עס איז ניטא וואס צו פארשטעהן, מיין טייערער, איך גלויב אז שולדיג איז ניט זי, נאר ער.

„ער איז שולדיג? זי האט איהם אנטזאגט און ער איז שולדיג?! דאס קען שוין מיין קאפ ניט באגרייפען."

דער געשפרעך איז געווארען אינטערעסאנטער. דייוו האט אויפגעהערט צו זופען פון פלעשעל און האט נאריש געשמייכעלט. סאלאמאן איז געווארען שטארק פאראינטערעסירט און רודאלף איז ווי די גאנצע צייט געזעסען שווייגענדיג מיט א מאדנער גלייכגילטיגקייט.

„יא — אזוי גלויב איך, האט הערי מיט א לאנגען זיפץ געזאגט, זייער ליעבע איז געווען א מאדנע, און נאך מאדנער איז געווען זייער שידוך.

ווען ער האט זיך מיט איהר באקענט איז זי קוים 15 יאהר אלט געווען. א מאדנע באגעגעניש איז דאס געווען.

„עס איז געווען א הייסער טאג אין מאנאט יולי. איך מיט מעקס'ן זענען דאן געקומען פון באפלא אין טאראנטא. עס איז געווען אזא שטיקענדע היץ, אז עס איז איינפאך אוממעגליך געווען צו אטעמען, און אזוי שנעל ווי מיר האבען אויסגעשטעלט אונזערע געפעק אין האטעל, זענען מיר אוועקגעפאהרען אין „סאני סייד" זיך באדען.

„עס איז אזוי הייס געווען אז דאס וואסער איז ווי אנגעווארימט געווען און האט דאס לייב געבריהט.

„דאס וואסער איז שווארץ געווען מיט מענשען. יעדער איינער האט זיך געזוכט אבצוקיהלען, אלט און יונג, מענער, פרויען און קינדער. אלע האבען געזוכט הילף פון דער ברענענדער היץ אין ים שויס פון דער „אנטאריא ביי".

„מיר האבען געזוכט זיך צו דערווייטערען פון די מענשען וועלכע האבען זיך געבאדען, געשפריצט, געלאכט און געשריהען. עס האט אונז אויסגעוויזען אז די מענשען מיט זייערע קערפערס מאכען דאס וואסער הייס און מיר האבען געזוכט א קאלטען ווינקעל און האבען זיך דערווייטערט פון די באדענדע.

„מאקס איז א גרויסער שטיפער אין וואסער. אפבאדענדיג זיך עטליכע מינוט, האט ער זיך אנגעפאנגען צו קוליען און שווימען אונטער'ן וואסער. פּלוצלינג האט ער דערזעהען זיינע א באקאנטע מיידעל אין וואסער און ניט טראכטענדיג פיעל האט ער זי געוואלט איבערראשען. ער האט זיך שנעל אונטערגעטונקט אונטער'ן וואסער און איז אוועקגעשוואומען. איך בין געגאנגען אין דער ריכטונג אין וועלכער ער איז געשוואומען און האב געקוקט אויף דאס מיידעל, אויף וועלכער ער האט מיר אנגעוויזען און האב געשמייכעלט פארשטעלענדיג זיך איהר איבערראשונג ווען זי וועט איהם פּלוצלינג דערזעהען ארום זיך.

(פארזעצונג קומט.)



האט אייער פאי דעם ריכטיגען טעם וואס איהר גלייכט?

גרויסע בריות וואס האבען געמיינט אז אזוי וויא זיי באקען קען שוין בעסער ניט זיין האבען פּרובירט קריסקא און אויסגעפונען אז עס קען נאך זיין בעסער. מען קען מיט דעם מאכען איידעלע סקארינקעס צו דיא פאי וועלכע האבען דיא זעלבע קרוכלעקייט ארום און ארום, א זאך וואס מען קען ניט אויספיהרען מיט שמאלץ אדער פוטער.

אידישע פרויען וואס זיינען מדקדק אויף כשרות וועלען זיין זייער צופריעדען אז עס קען נאך זיין אי כשר'ער, אי בעסער, וויל קריסקא איז ניט נור אזוי גוט וויא פוטער, פיעל בעסער און שפּארעוודיגער וויא שמאלץ, זאנדערן עס האט אויך דיא גרויסע מעלה וואס עס איז א פארעווער פעט, ניט פליישיג און ניט מילכיג. צום ביישפּיעל ווען מען באקט א פאי מיט קריסקא, קען מען עס דערלאנגען צום טיש נאך א פליישיגען מאלצייט אזוי גוט וויא נאך א מילכיגען. מיט פוטער אדער שמאלץ איז דאס ניט מעגליך.

קריסקא

דער כשר'ער און פארעווער פעט צו פרעגלען און צו באקען

איז דער עסענץ פון דעם רייינסטען וועגעטעבל אויל און איז דורכאויס רייינער פעט. עס איז רייכער וויא פוטער, געשמאקער און געזינדער וויא שמאלץ און קאסט פיעל ביללינער וויא ביידע.

פערקויפט אין אלע גראסעריס.

PROCTER & GAMBLE PRODUCTS EST. 1837

פרינצען אין זייער פרייע צייט

א שטודיום פון אידישע געשיכטע אין די קליינע מלוכהלאך.

פון פראפ. גאטהארד דייטש.

דער תלמוד איז א גרויסער מאגאזין פון חכמה און זיינע וויכטיגסטע באמערקונגען זיינען דא וואס מיר וואלטען קלאסיפיצירט אלס פילאזאפי פון דער געשיכטע.

אין פסחים דף פז, עמוד ב, זאגען די חכמי התלמוד, אז עס איז א גליק פאר אידען וואס דער רבונו של עולם האט באשאפען פיעלע מלוכות, אהן דעם וואלטען די אידען שוין לאנג געווען פארשוואונדען פון דער וועלט.

דיעזער גליקליכער צושטאנד איז באזאנדערס געווען קענטליך אין איטאליען און דייטשלאנד. די פיעלע מלוכהלאך פון דיעזע ביידע לענדער זיינען געווען די אורזאכע, וואס מען האט פון זיי נימאלס געקענט אין גאנצען ארויסטרייבען די אידען אזוי ווי מען האט עס געטאן אין ענגלאנד, פראנקרייך, שפאניען און פארטוגאל. ווען איין דייטשער אדער איטאליענער פירשט פלעגט ארויסטרייבען די אידען אדער זיי אונטערדריקען דורך שווערע גזרות, פלעגען זיי אימער געפינען א שכנישען קעניג, וועלכער איז געווען פריינדליכער געזינט צו זיי אדער וועלכער פלעגט פארשטעהן די וויכטיגקייט צו האבען הכנסה און שטייערן פון זיי און פלעגט זיי אריינלאזען אין זיין מדינה.

אין איטאליען זיינען דיעזע צושטענדע אין צוזאמען מיט זיי אויך די קליינע קהלות פון די קלענערע שטעדט גראדענווייז פארשוואונדען די לעצטע יאהרען. אין דייטשלאנד פאנגט מען אן צו פארשווינדען די קליינע מלוכהלאך נאך דעם ווי די קעניגע און פירשטען זיינען ארויסגעזעצט פון זייערע טהראנען. די קהלות זיינען אבער נאך לאנג צוריק פארשוואונדען. אין יעצטיגען מאמענט קומט פאר אין צענטראל דייטשלאנד א צוזאמענשמעלצונג פון קליינע פירשטענטהימער אין א נייעם שטאאט, וואס רופט זיך טהורינגען און ניט אויסרעכענענדיג שטריקט דיעזע קליינע מלוכהלאך, וועלען מיר געבען א בילד פון די אידישע צושטענדע אין דיעזע פיצינקע מדינהלאך.

דעם אויבען אן צווישען זיי פארנעהמט דאס הערצאגטהום פאן אנהאלט, וואס האט טראץ זיין קליינעם שטח און באפעלקערונג 1300. אינז געגעבען א מערקווירדיגע צאהל גרויסע מענשען. איך וועל בלויז הערמאהנען משה מענדעלזאהן, לודוויג פיליפסאן און דעם אקארישט געשטארבענעם פילאזאף הערמאן כהן. דאס לאנד און ספעציעל די שטאדט דעסאו, האט מען אפגעפענט פאר אידען אם ענדע פון זיבעצעהנטען יאהר הונדערט. צווישען די, וועלכע האבען זיך באנוצט מיט דיעזע גאסטפריינדשאפט זיינען געווען מאנכע פליכטלינגע וועלכע זיינען פון אוקראינא אנטלאפען דורך כמעלניצקים אויפשטאנד, וואס האט דארטען דאן פאראורזאכט אזעלכע שחיטות עהנליך צו די יעצטיגע. איינער פון די וויכטיגסטע מענער פון די ניי אנגעקומענע איז געווען משה בנימין וואלף אן אור אור אייניקעל פון ר. משה איסרלס, דער מחבר פון שלחן ערוך, ער איז רייך געווארען האנדלענדיג מיט'ן הערצאג און מיט די אנדערע אריגיגע הערשער פון די קליינע מלוכהלאך. ער פלעגט זיי ליהען געלד און קריגען דערפאר פריווילעגיעס. מען האט איהם אויך ערלויבט צו עטאבלירען א דרוק, וואס איז געווען א באזונדערע הנחה פאר א אידען, אזא פריווילעגיע האט א איד דאן ניט געקענט באקומען אין א גרעסערען שטאאט.

די רויבערייען פון די קאזאקען און פאליאקען האבען פארניכטעט פיעלע ווערטפאלע ביבליאטעקען. ספרים זיינען געווארען א זעלטענהייט און עס איז ווירקליך געווען א גליק פאר אידען, דאס אזא מאן ווי משה בנימין וואלף האט געגרינדעט א דרוקעריי אין יעסניטץ מיט די ערלויבנים פון דעם הערצאג. די פריינשאפט פון די הערשער האט אנגעהאלטען אזוי לאנג כל זמן משה בנימין האט געקענט לייהען געלד און האט טאקי געליהען. דאן איז ער געווען א „ווערטער פריינד", אבער אזוי שנעל ווי זיינע אוצרות פלעגען זיך אויסשעפען און ער פלעגט בעטען צוריק דעם חוב, דאן פלעגט ער שוין ווערען א פּראצעסטניק, א פארדאמטער יודע. ער האט פארקלאגט זיינע בעלי־חובות אין געריכט, אבער וואס האט א איד געקענט געווינען גערעכטיגקייט פון א פירשט? ער איז געשטארבען אין 1729 אן ארעמער מענש. זיינע יורשים האבען פארטגעזעצט דעם משפט פאר זייער געלד, נאר זיי האבען נימאלס צוריקגעקראגען קיין איין דאלאר.

דיעזע צושטענדע זיינען ניט געווען פאר'ן כלל אין יעדען פאל. עס זיינען אויך געווען עהרליכע פרינצען, וועלכע האבען געהאלטען ארדנונג אין זייער הויז, האבען געצאהלט חובות און האבען געשעצט די אידען אלס פעהיגע קויפליטע, יוועלירער, ארמעע קאנטראקטארס און באנקירען. איינער פון די פעהיגסטע הערשער פון דעם קליינעם שטאאט אנהאלט איז געווען הערצאג לעאפאלד, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אלס גענעראל אין דער ארמעע פון פרידריך דעם גרויסען. לעאפאלד איז געווען דעמאקראטיש געזינט פאר א דייטשען פרינץ פון אכצעהנטען יאהר הונדערט און האט זעהר פריינדליך געלעבט מיט אידען. ער האט זאגאר איין מאל אין 1740 געשפּילט די ראליע פון א שדכן צווישען די קינדער פון זיינע האף אידען. דעם זון פון יעקב האט ער צוזאמענגעפארט מיט די טאכטער פון קלמן און די חתונה איז געפייערט געווארען אין שלאס. די חופה איז געשטעלט געווארען אין דעם גארטען ארום דעם פאלאסט. הערצאג לעאפאלד האט געשפּילט די ראליע פון א מחותן, האט די פאר געגעבען א פיינעם דרשה געשאנק און האט נאך אויסער דעם זיי געגעבען א „שיצבריעף", וואס האט די יונגע פאר פאלק געגעבען דאס רעכט איינצופיהרען אן איינענע ווירטהשאפט אהן די ספעציעלע שטייערען וואס האט זיך דאן געפאדערט פון איהנען.

ביי אנאנדער געלעגענהייט האט לעאפאלד נאך מעהר ארויסגעצייגט זיין פריינדשאפט צו אידען. ער איז איין מאל געגאנגען שפאצירען איבער'ן שטאט אין דער באגלייטונג פון א לאקיי און האט באמערקט, אז פון אלע קוימענס פון די אידישע הייזער געהט א רויך אזוי ווי מען וואלט עקסטרא געבאקט און געקאכט. בלויז פון איין אידישע הויז איז ניט געגאנגען קיין רויך. דער הערצאג האט געפרעגט די אורזאכע וואָרום עס רויכערט זיך אזוי שטארק פון די אידישע קוימענס. מען האט איהם ערקלעהרט, אז עס איז פורים, ווען אידען פראווען א גרויסע סעודה לכבוד זייער אמאליגער רעטונג פון פארניכטונג. ער איז דאן צוגעגאנגען צו דעם איינציגען אידישען הויזעל, פון וועלכען עס האט זיך ניט גערויכערט און ניט געזעהען קיין סימן פון א סעודת פורים. אין האט דעם וויהט ארויסגערופען און שטרענג געפרעגט ווארום ער האלט ניט פון אידישען יום טוב.

„אייער האהייט! — האט דער איד וועמען מען האט גערופען מרדכי געענטפערט — איך וואלט זעהר וועלען פייערען פורים. נאר איך האב ניט מיט וואס.

— זארג זיך ניט וועגען דעם. געה צו שמידט'ן אין געשעפט, קויף ביי איהם פאר מיר טוך אויף א יאנג אנצוג און זאל ער דיר באצאהלען מעקלעריי. וועסטו האבען אויף א גוטען מאהלצייט.

שמידט איז געווען גוט באוואוסט אלס א גרויסער אידענפיינד. ער פלעגט נימאלס אריינלאזען א אידען און מרדכי האט גענומען שטאמלען. דאס ער האט מורא צו געהן צו שמידט'ן.

— אבער איך הייס דיר געהן — האט דער הערצאג געזאגט און מרדכי איז אוועק. דער הערצאג איז איהם נאכגעגאנגען. גלייך ווי דער איד איז אריין אין שוועל פון קראם, איז שמידט ארויסגעלאפען און האט איהם אונטערגעבראכט מיט אזא רציחה, דאס מרדכי איז געלאפען צוריק גלייך אויפ'ן הערצאג, וועלכער איז געווען הינטער איהם.

— ראננערוועטטערס! האט דער פרינץ אויסגעשריען אויף דעם שונא ישראל — אזוי באהאנדעלסטו מיינע אונטערטאנען? איך וועל ווייטער ניט ערלויבען אזעלכע ברוטאליטעטען געגען מיינע אונטערטאנען. ווען זיי זיינען זאגאר אידען. רעד איך ביז א פאטער צו אלע מיינע אונטערטאנען, אידען און קריסטען צו גלייך. באצאהל גלייך דיזען אונשולדיגען מאן צעהן טאלער שאדענערזאץ אויב אזא זאך וועט נאך א מאל טרעפען, וועל איך דיך איינשפארען אין געפענגנים!

דער דייטשער המן האט גלייך דערלאנגט מרדכין צעהן דאלאר און דער הערצאג האט געזאגט צום אידען:

— יעצט מרדכי, געה אהיים און מאך א גוטען פורים פעסט.

די באוועגונג פאר א בעסערע ערציהונג פון דער אידישער יוגענד האט זיך אנגעפאנגען מיט משה מענדעלזאהן און האט אין דעסאו געקראגען סימפאטי און ערמוטיגונג אין דער הויז פון זיין לעהרער רב דוד פראנקעל. די ערשטע מאדערנע שולע האט זיך ערעפענט אין דעסאו אויפ'ן נאמען פון הערצאג פראנץ, וועלכער האט דיעזע אידישע שולע געשטיצט. דער פרינציפאל פון דיעזע שולע אדער ישיבה איז געווען אן אנדער דוד פראנקעל, א נעפע פון מענדעלזאהן'ס רבי'ן. וועלכער איז אויך געווען דער רעדאקטאר פון ערשטען אידישען צייט־שריפט אין דער דייטשער שפראך, וואס האט זיך גערופען שולמית אין אנדייטונג צום פסוק יט פון קאפיטעל כ' פון שמואל ב' און אלס סימן פון פריינדליכען פראגרעס אין אידענטום. דער הויף האט אויך די אונטערנעהמונג פון צייט־שריפט ערמוטיגט און די הערצאגינא האט דעם רעדאקטאר פון שולמית געשיקט א פרעזענט.

דיעזע ארבייט צו „ציוויליזירען די אידען" איז געווען איינע פון די הויפט טעטיגקייטען פון דיעזע קליינע מלכים אין די שטאטען פון טהורינגען. צווישען דיעזע מלכימלאך זיינען זאקסען־ווייסאר און זאקסען־מייגינגען געווען די וויכטיגסטע אריסטאקראטישע אבער גנעדיגע הערשער. נאכפאלגענדיג דעם ביישפיעל פון נאפאלעאן, וועלכען דיזע פרינצען האבען געהאלטען פאר אן אידעאלען הערשער, האבען זיי געגעבען א קאנסטיטוציע צו זייערע אידישע אונטערטאנען. האבען רעגולירט די וואהלען פון טראסטים פון די קהלות און פלעגען אויך זיך נעהמען די עובדה צו באשטימען לאנדראבינער אדער רב הכולל וועלכער האט זיך גערעכענט אלס רעגירונגס באאמטער מיט געהאלט פון דעם שטאאט, וועלכער פלעגט דאס געלד קאלעקטען פון דער אידישער קהלה.

(סוף קומט.)

מען קען לעבען 1.900 יאהר

אין דער צייט ווען די וויסענשאפט דרעהט זיך דעם קאפ ווי אזוי אויסצוגעפינען זיכערע מיטלען צו פארלענגערען דעם מענשען'ס לעבען באטיש אויף הונדערט מיט צוואנציג יאהר, אין דער זעלבער צייט קומט א דאקטאר און זאגט, אז עס איז גאר ניט קיין גרויסער קונץ פאר מענשען צו לעבען טויזענט מיט נין הונדערט יאהר.

דר. יוזשין ל. פיסק פון דעם לייף עקסטענשאן אינסטיטוט איז דאס דער יעניגער וואס וויל האבען אז מיר קענען לעבען גאנצע ניינצעהן יאהר־הונדערטע. ער האט עס פארגעסטערען געזאגט פאר א צאהל דאקטוירים אין וואלדארף אסטאריא. דר. פיסק גיט צו, אז לעבען אזוי לאנג איז אפשר ניט אזא מאכל, אבער קענען קען מען. ער זאג טאקי, — „אלטקייט קומט שטענדיג פאר דער צייט. ווען מענשען זאלען זיך שטענדיג אפהיטען צו לעבען אונטער די כללים וואס די וויסענשאפט האט שוין ביז איצט בעשטימט, ווען זיי זאלען פינקטליך היטען זייער געזונד לויט פארשריפטען פון דער היגיענישער וויסענשאפט, וואלטען זיי ניט אלט געווארען, ווייל ניט די צייט ברענגט אלטקייט, נור דאס צוזאמענברעכען פון געזונד. עס זיינען דא נאך געוויסע כללים צו פערהיטען דאס געזונד. און ווען מען זאל אלעם נאכפאלגען קען מען זוכה זיין צו די איבענדערמאהנטע אריכת ימים.

ווערט יעדען סענט וואס עס קאסט —

"SALADA"

שווארץ, גרין אדער געמישט

נאר פארזיגעלטע פעקלאך, ווערט קיינמאל ניט פארקויפט אין שטיקער.

מענער

ספרינג העטס

אין אלע נייעסטע קאלירען

$6,00 $5,00 $4,00

הארטע העטס

$5.00

Buckham Limited

264 יאנג סטריט

DeYOUNG'S

אונזער מעטאדע

אויב איהר זענט ניט פאלשטענדיג צופריעדען מיט דעם וואס איהר האט געקויפט ווערט אייך דאס געלט גלייך אומגעקעהרט.

מיר האבען היינטיגע וואך דערהאלטען א זעלטען שעהנעם סטאק פון פענסי וועסטען און טאים בלויז די בעסטע זאכען וואס זענען גוט פאר מענער קליידונג.

מיר פארקויפען אזעלכע סחורות וואס די זעלבע ווי אונזער קוואליטעט קאסט איבעראל טייערער ווי ביי אונז.

70 Queen St. W. near City Hall

עטאבלירט זינט 14 יאהר.

מרור זה שאנו אוכלים על שום מה

זעקס מיליאן אידען פון יענער זייט ים טרינקען שוין דעם זעקסטען יאהר דעם ביטערען בעכער פון הונגער, גזירות און שרעקליכע ליידען.

זעקס מיליאן אידען טראגען איבער שוין דעם זעקסטען יאהר די מורא'דיגסטע יסורים און געוואלדיגסטע צרות וואס האבען צו זיך קיין גלייכען אין אונזער גאנצער געשיכטע.

מרור זה שאנו אוכלים על שום מה

זעקס מיליאן מענער, פרויען און קינדער פרעגען זיך שוין דעם זעקסטען מאל: פארוואס זיינען מיר פערלאזענע און פארגעסענע פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין אמעריקא.

פארוואס ראטעווען זיי אונז ניט פון נויט, טוידט און אונטערגאנג?

פארוואס בעפרייען זיי אונז ניט פון דעם מלאך המות וואס לויערט איבער די קעפ פון אונזערע מענער, פרויען און קינדער?

מיר, די אידען פון אמעריקא, וואס האבען דאס גליק צו פייערען דעם גרויסען פרייהייטס יום טוב פסח אין דער גליקליכער אמעריקא, דארפען און מוזען ענטפערען אויף די אלע פראגען.

מיט געלד, געלד, געלד

עס איז די הייליגע פליכט פון יעדען אידען אין די יונייטעד סטייטס און קאנאדע צו עפענען ברייט זייער הארץ און הענד, און אריינשיקען מעהר וויפיעל מען קען, און העלפען בעפרייען די ווייט מעגליך אונזערע ברידער און שוועסטער אין די מלחמה לענדער פון זייער אומגליק און נויט.

היינטיגען שביעי של פסח וועלען מיר זיך פארזאמלען אין די שוהלען מזכיר נשמות זיין אונזערע פערשטארבענע געליעבטע.

און ערמאנענדיג זייערע הייליגע נעמען וועלען מיר זאגען "בעבור שאנו נודרים צדקה בעד הזכרת נשמתם".

טויזענדער שמאכטענדע נשמות פון אונזערע ברידער און שוועסטער בעטען ביי אונז מיר זאלען זיך ערמאנערען אן זיי און זיי ראטעווען פון א פריהצייטיגען טוידט.

די בעסטע הזכרה פאר די פארשטארבענע איז צו געדענקען און העלפען די ארימע לעבעדיגע.

רבנים און פרעזידענטען פון שוהלען — אפעלירט צו אייערע מעמבערס און מתפללים בייצושטייערען וויפיעל זיי קענען און שיקט עס אריין צו די

סענטראל רעליעף קאמיטע

הערי פישעל
טרעזשורער
15 טשעמבערס סטריט
ניו יארק סיטי

אדער צו דעם לאקאל ברענטש פון דער סענטראל רעליעף קאמיטע אין אייער שטאדט.

36.400.000 מארק פארטיילט אין פוילען אין פעברואר

געלד - פארטיילונגען געהט איבער אין די הענט פון די פוילישע אידען אליין. — ערשטע זיצונג פון פארטיילונגס קאמיטעט. וואס פארטרעט גאנץ פוילען. — וויפיעל יעדער דיסטריקט אין פוילען האט באקומען. — קאנסטרוקטיווע פלענער.

36.400.000 מארק איז פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע פארטיילט געווארען אין פעברואר צווישען די פארשיעדענע טעריטאריעס, וואס געפינען זיך איצט אונטער פוילישע הערשאפט. און די פארטיילונג איז נישט מעהר געמאכט געווארען פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע אליין, נאר פון א ספעציעלען פארטיילונגס קאמיטעט פון די פוילישע אידען אלע געגענדען, וועלכער האט אפגעהאלטען זיין ערשטע זיצונג אין ווארשא דעם 17-טען פעברואר.

דער באריכט וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט ערשט באקומען וועגען דעם, דערצעהלט זעהר אינטערעסאנטע פרטים וועגען דער זיצונג און דער פארטיילונג פון די געלדער צווישען פארשיעדענע טעריטאריעס.

ווען דר. באגען איז לעצטענס אנגעקומען קיין ווארשא, האט ער אויסגעארבייט א פלאן. לויט וועלכען גאנץ פוילען איז איינגעטיילט געווארען אין 11 דיסטריקטען, פאר יעדער דיסטריקט איז אויסגעקליבען געווארען א גרעסערע שטאדט אלס צענטער. און עס איז ארויסגעשיקט געווארען בריעף צו די הילפס - קאמיטעטען אין די דאזיגע גרעסערע שטעדט, אז זיי זאלען אויסקלייבען דעלעגאטען צו א פארטיילונגס קאמיטעט, וואס אין זיינע הענט וועט פון היינט אן איבערגעגעבען ווערען די פארטיילונג פון אלע געלדער. אין דעם בריעף איז אנגעוויזען געווארען, אז די איינטיילונג פון די דיסטריקטען איז געמאכט געווארען בלויז געאגראפיש, און אז דער איצטיגער קאמיטעט וועט זיין בלויז א דערווייליגער, ביז יעדער דיסטריקט וועט דורך דעמאקראטישע וואהלען אויסקלייבען דעלעגאטען. וואס זאלען פארטרעטען דעם גאנצען דיסטריקט און נישט נאר זיין הויפט שטאט. דאס מיינט. אז די ערשטע זיצונג פון דעם נייעם פארטיילונגס - קאמיטעט איז בלויז דער ערשטער שריט איבערצוגעבען די גאנצע ארבייט פון איינטיילען די געלדער אין די הענד פון די פוילישע אידען גופא. און די דעלעגאטען פון די באטרעפענדע שטעדט דארפען זיך באטראכטען בלויז אלס צייטווייליגע, ביז עס וועלען פארקומען וואהלען.

דעם 17-טען פעברואר זענען זיך די דעלעגאטען צוזאמענגעקומען אין ווארשא, און דא, אין דעם אפיס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, האט מען פארגעקומען די ערשטע זיצונג. דר. באגען אלס פארזיצענדער האט געעפענט די זיצונג מיט אן ערקלערונג, אז די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט באשטימט פאר פוילען אויף פעברואר א סומע פון 30 מיליאן מארק, און אז עס איז די אויפגאבע פון די פארזאמעלטע צו פארטיילען די 30 מיליאן צווישען אלע דיסטריקטען לויט זייער נויט און באדערפניש. דאן האט זיך אנגעהויבען אריכע ערצעהלונגען פון די דעלעגאטען וועגען די צרות און נויטען פון יעדער געגענד. בריסק האט דערצעהלט וועגען די קעלערם און לעבער, אין וועלכע די אידען דארטען וואוינען. מינסק — וועגען דער טיפוס - עפידעמיע, וואס ווערט אלץ שטארקער צווישען די אויפגעהונגערטע אידען, ביאליסטאק — וועגען דער גרויסער ארימקייט און אזוי ווייטער. וואס מעהר די [illegible]ות פון יעדער געגענד זענען אויסגעהערט געווארען — דערצעהלט דער באריכט — אלץ ווייניגער באדייטונג האבען געקראגען די 30 מיליאן מארק, וועלכע האבען גענומען אויסזעהן ווי א טראפען אין ים פון דער אידישער נויט.

דאס ערגסטע בילד האט געשילדערט סעמיועל שעין, פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע. וועלכער האט זיך נאר וואס אומגעקעהרט נאך א חודש צייט אין דער פוילישער אוקראינא, ד. ה. אין די אוקראינישע געגענדען, וואס זענען פארנומען געווארען פון פוילישען מיליטער. טיפוס — האט ער דערצעהלט — בושעוועט איבער'ן גאנצען לאנד. אוועקנעהמענדיג טויזענדער אידישע מענער, פרויען און קינדער. איצט קומט אויך די כאלערא און מאהנט איהר חלק פון דער אויסגעצעהרטער באפעלקערונג. גאנצע שטעטלאך פון קראנקע און שטארבענדע ליגען אהן הילף. טויזענטער יתומים שלעפען זיך ארום אהן א דאך, און די שלאכטען, וואס זענען נאך וואס פארגעקומען אין דער געגענד, האבען פארענדיגט דעם חורבן.

ווען דער דאזיגער באריכט איז אויסגעהערט געווארען, האבען אלע דעלעגאטען איינשטימיג באשלאסען, אז ווי ווייניג עס זאל נישט אויסקומען צו באשטימען פאר אנדערע געגענדען, מוז די פוילישע אוקראינא גלייך קריגען 10 מיליאן מארק. דר. באגען האט צוגעגעבען א העלפט פון דעם, פארגרעסערענדיג די סומע ביז 35 מיליאן, און נאכדעם ווי מען האט אויסגעהערט די באדערפנישע פון אלע דיסטריקטען, איז אויסגעקליבען געווארען א קלענערע קאמיטע צו פארטיילען דאס געלד צווישען אלע דיסטריקטען. דער ענדגילטיגער באשלוס וועגען דער פארטיילונג איז געווען ווי פאלגט:

די שטאדט ווארשא, פארטראטען פון רובינשטיין און דאווידסאן — 1,750.000 מארק. ווארשעווער דיסטריקט, — גינגער בורג און פארבשטיין — 3,000.000. געוועזענע עסטרייכישע אקופאציע ש. מילער — 1,400.000. לעמבערג דר. פרנס, דר. ראזמארין — 5,000.000. קראקוי דר. ניבעבערגער — 2,500.000. ווילנא הרב רובינשטיין, דר. שאבאד 3,750.000 בריסק (ברעסט - ליטאווסק) וואנקאוו — 1,400.000. ביאליסטאק סור בעטקין. פ. פאט 2,000.000 מארק. מינסק בערגער, ראבינאוויטש, פיינלעב — 4,000.000 פינסק טאוזנער — 1,000.000 מארק. פוילישע אוקראינא, ש. שעין — 10,000.000 מארק. ס"ה 36,400.000 מארק.

נאך דער איינטיילונג פון די געלדער האט די קאמיטע אויפגענומען די פראגע וועגען קאנסטרוקטיווער הילפס - ארבייט, באזונדערס וועגען העלפען קליינע הענדלער און בעלי - מלאכות, אז זיי זאלען קענען קומען צוריק צו זיך. עס איז פארגעשלאגען געווארען, אז די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע זאל צו דעם צוועק באשטימען א ספעציעלען פאנד און אז די געלדער זאלען ארויסגעגעבען ווערען די בעלי מלאכות אויף אינסטרומענטען און די הענדלער אויף סחורה דורך די לייה קאסעס, וואס עקזיסטירען אין פוילען. אבער זיי קענען נישט אנגעהן מיט זייער ארבייט צוליעב מאנגעל אין געלד.

איידער די זיצונג איז געשלאסען געווארען, האט דער קאמיטעט געבעטען דעם פארזיצענדען איבערגעבען די אמעריקאנער אידען דעם דאנק פון די פוי- טעריאלער, נאר אויך פאר דער מארא- לישע אידען נישט נאר פאר דער מא- לישער שטיצע, און א באזונדערע דאנק צום יונייט, וואס איז אנוועזענד געווען אויף דער זיצונג.

צווייטע קאנפערענץ פון פארטיילונגס קאמיטעט אפגעהאלטען אין ווארשא

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט באקומען פון דר. באגען פאלגענדע קייבעל. —

„ווארשא, מערץ, 30-טען.

עס איז אפגעהאלטען געווארען די צווייטע קאנפערענץ פון פארטיילונגס קאמיטעט אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט פארשטעהער פון אלע טעריטאריעס אין פוילען און עס זיינען פאלגרייך פארטיילט געווארען די געלדער אין אלע דיסטריקטען פאר מאנאט אפריל. די דעבאטען זענען דורכגעגאנגען אין דערהויבענעם גייסט, אויסער די פארטיילונג פון די געלדער איז אויך באשלאסען געווארען ארויסצושיקען 50.000 אויסגעצעהרטע קראנקע קינדער אויף זומער וואוינונגען, יעדען קינד אויף א חודש. עס זענען איינשטימיג אנגענומען געווארען רעזאלוציעס - גוטצוהייסען דעם איצטיגען מעטאד פון פארטיילונג און צו דאנקען דאס אמעריקאנער יודענטום פאר דער הילף.

עס איז נויטיג א באדייטענדער פאנד פון 200.000 דאלאר פאר מעדיצינישע הילף. די טיפוס - עפידעמיעס אין קראקוי און דער אומגעגענד פאדערט דרינגענדע מיטלען. איך האב אהין ארויסגעשיקט דר. לעה, איך איינגעקויפט און ארויסגעשיקט א צאהל מעדיקאמענטען און אנדערע נויטיגע זאכען".

וועגען ראיעלסטע און בעסטע איינסקימען פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו

פ. ליוואי
ספעשעל לייף אינשורענס
אגענט
P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8101

קוויטירונג

ביי א פארטי אין 21 רעקאמיס סט. איז געזאמעלט געווארען דורך מר. שוט און מר. שוואפראן $12.75.
די געלט האט מר. שוט איבערגעגעבען 10942

צום אוקראינער פארבאנד.
אין נאמען פון די ליידענדע דאנקען מיר אלע נדבים.
א. מ. ספיין, פינ. סעק.
186 רושאהן סטריט.

אן אפיעל פון דעם אוקראינער פארבאנד

ברידער און שוועסטער

מיליאנען פון אונזערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים וואלגערן זיך אויף די פעלדער און אין די וועלדער איינגעוויקלט אין שמאטעס. טויזענדער פון זיי ליגען היילע און נאקעטע אין די ערגסטע קראנקהייטען, און ווערען בוכשטעבליך פארפרוירען צום טויט.

טויזענדער פון אט די אומגליקליכע וועלכע האבען נאך ניט געהאט דאס גליק פארפאהרען צו ווערען און פטור ווערען פון די שרעקליכע יסורים ווארטען אויף צוויי זאכען: אויף דעם טויט אדער אויף דער הילף פון אייך.

וועט איהר טאראנטער אידען שטעהען!! פון ווייטען

און זיין גלייכגילטיג. מיר ווילען ניט און מיר קענען דאס ניט גלייבען. און דעריבער מוזט איהר און וועלען אלע אייערע קרעפטען און העלפען צו מאכען

דעם קליידער קעמפיין אן

ערפאלג

קומט אין די העדקוואטערס 185½ קווין סטריט וועסט

און שליסט זיך אן אין דער וואלונטירען ארמיי און העלפט צוזאמענעמען די קליידער שיך און אנדערע ארטיקלען.

ספעציעל ווענדען מיר זיך צו די וועלכע האבען אייגענע אויטאמאבילס: ווען די קריסטען האבען צו אייך אפעלירט נאך הילפע האט איהר זיי באלד געהאלפען. ווארום זאלט איהר ניט העלפען אייערע אייגענע בלוט און פלייש אין אן עת צרה?

וואלונטירט אייערע קארס. מר. ניסן וואל איז געווען דער ערשטער וועלכער האט וואלונטירט מיט זיין קאר. ווער קומט נעקסט?

אויפמערקזאם:

מיט פיעל מיה האבען מיר ארגאנזירט מיט דעם שליח-פון דער אוקראינע

מר. מ. גראסמאן

צו קומען נעקסטע זונטאג דעם 11-טען אפריל נאך טאראנטא

דער פלאץ פון מאסמיטינג וועט אנאנסירט ווערען אין זשורנאל, ער וועט ברענגען א לעבעדיגען גרוס צו אייך פון גאנץ אייראפא און ספעציעל פון דער אוקראינא.

וואלונטירס און אייגענטימערס פון קארס פארגעסט ניט און רופט אפ אדעלייד 2660 אדער קומט פערזענליך צו 185½ קווין וועסט הויפט אפיס פון קליידער קאמפיין.

היינט! היינט! היינט!
אונטער דער אויפזיכט פון די "בני ציון און "הדסה"
אין נאשיאנאל טעאטער קאר. טעראלי און דאנדעס
8 אוהר אווענד

קאנצערט

ביי די קינדער פון דער "ציון זונטאג שולע", געזאנג פון דעם גאנצען כאר שילער און ביי איינצעלנע דעקלאמאציעס, רעסיטיישאנס מוזיק פראגראם און א. אז. וו.
עס וועט אויפגעפיהרט ווערען דער סקעטש
דיא ארבייטער (בעלי המלאכה)
פון די קינדער זעלבסט — ניט קיין מואווינג פיקטשור — נאר אלעס לעבעדיג, יעדע מינוט אינטערעסאנט.
טיקעטס, פאפולערע פרייזען אין באקס פון נעשאנאל טעאטער.

לואיס ס. סינגער
לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישאנער פאר אלע פראווינצען פון קענעדע.
לאא אפיס 154 סימקאא סטריט.
טעלעפאן ערלייד 1440
טעלעפאן ערלייד 1441
וואינונג. 433 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן קאלערוש 4366

HIPPODROME
א גאנצע וואך
קארמער און קארברי, לאמעי און פירסאן, העלען מארעטי.
א ספעשעל פיטשור בילד.
וויליאם פאקס פרעזענטירט דעם ענטציקענדען נייעם סטאר שירלי מייסאן אין א ראמאנטישער בילד פון צירקוס-לעבען. "איהר עלפאנט-מאן" ווערט געצייגט 1.20, 4.15, 7.45 אווענדס. ביירן בראס סעקסא בענד. מארעי וגאלף, מארגארעט אלווארעז.

דאקטאר
יוליוס לעווין
דענטיסט
אפיס: 382 קווין וועסט קארנער ספעדינע עוו.
וועגען אפאינטמענטס טעלעפאנירט קאלערוש 766

פ. שלייפער
307 אגוסטא עוועניו.
איך פארריכט אלערליי גראמאפאנס, איך קויף אידישע און ענגלישע געניצטע רעקארדס. איך מאך אלערליי שלאסער ארבייט. די פאלגענדע ארבייטען. לייכטע מאשינערי ריפייערד, אלע סארטען סקיילס רעפיירד, נייע שלעסער און שליסעל, בייבי קערעדזשעס רעפיירט.
מאנופעקטשורערס! אייער אייזען ארבייט וועט געמאכט ווערען ביליגער ווי ווען איהר מאכט עס אליין. איהר סייפט געלט ווען איך ארבייט פאר אייך. צופריעדענהייט גאראנטירט, אדער געלט צוריק. איך קום נאך דער ארבייט. פאן נומער נאך ניט ארויין.

הוסטען און פארקיהלונגען מיינט שלאפלאזע נעכט
מיט יעדער שטונדע, וואס מען פארלענגערט א פארקיהלונג איז פאראן א געפאהר. העלפט צו דער נאטור געזונט צו ווערען, געברויכענדיג
Dr. Macey's Cough Cure
פרייז 35 סענט פארקויפט נאר ביי
Claude J. Halloran
דראגיסט
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
TORONTO

דר. פאומאן
דענטיסט
איך מאך בריטש ארבייט צו מעסיגע פרייזען. קיין ווארטען אויפ'ן נעקסט.
דר. פאומאן
ראיעל בענק בילדינג
קארנער טשעסנאט און דאנדעס סטריט

קעש'ס דזשועלערי סטאר
145½ קווין סטריט וועסט
מיר פארקויפען אויס אונזער סטאק ווייל מיר געהען אין האלסייל ביזנעס

CASH OR CREDIT

אזוי פארקויפען מיר יעדען ארטיקעל פיעל ביליגער ווי אימער.
עקסטרא בארגיינס אין דיימאנדס, וואטשעס. נייע סטייל לייכטער אויסנאהם שעהן. קאט גלעס. פאר שפעטיגט ניט און קומט גלייך.
אייער פריינט קעש
145½ קווין סט. וו. טעלעפאן ער. 3588

כשר ווורשט פעקטארי
בהכשר הרבנים הרב ר' יוסף ווייגריב הרב ר' יעקב גארדאן
מיר זיינען די איינציגע, וואס פאבריצירען אלע סארטען ווורשט און פליישען, בתכלית הכשרות, אונטער א שטרענגער רבנ'ישער השגחה און מיט א שטענדיגען משגיח. לאזט אייך ניט נארען! היט אונזער נאמען מיט די נעמען פון די רבנים און דעם משגיח אויף די לייבעלס. ארדערס ווערען געשיקט איבער גאנץ קענעדע.
Kosher Beef Products Co.
664 Richmond St. W.
M. Salkovitch Mgr
Toronto. Ont

LOEW'S
לאעוו'ס יאנג סטריט טהעאטער
[illegible]
12 מיטאג ביז 11 נאכטס
נאכמיטאג 10 סענט. 15 סענט
אווענד 10 סענט 15 ס. און 25
טעל. מיין 8600 — האי קלאס וואדעוויל
באקס סיטס רעזערווירט.
א גאנצע וואך. פאפולערע פרייזען.
נארמא טאלמעדזש אין ,,א טאכטער פון צוויי וועלטען''
ראסעל און דעוויט, סטאן און מיי לאורעל, ''אהן א מאמע'', באטלער און דעמיטה, בערנארד און מייערס, ''די קעבי און די פער'', דזשעק און טאמי וועיר ''זיסע זוסקייטען'' מיט דער באטייליגונג פון בילי בארנעס, דזשעק בארטאן, רען בראהאם און א באצויבערנדע גרופע מיידלאך.

קליידער מאכען א מענשען
זעהט זשע אז אייערע קליידער זאלען אין דער בעסטער ארדנונג. זאגט ניט, אז איהר קענט עס ניט דערלויבען צוליעב דעם יקרות.
מיר קלינען, פרעסען און פארבען אייערע אלטע זאכען, און מאכען זיי פונקט ווי ניי.
אונזער ארבייט האט א נאמען, און איהר וועט זיכער זיין צופריעדען. סוטס, דרעסעס, ספרינג-קאוטס, קינדער זאכען, שיקט זיי צו אונז.
סיטי דאי ווארקס
CITY DYE WORKS
349-51 קאלעדזש סטריט
טעלעפאנירט קאלעדזש 2628
מיר קומען און דעליווערען אלע ארדערס.



טייערס טייערס
פון אלע מייקס און סייזעס
קריגט איהר ביי
ש. א. אלבערט און קא.
813 קווין סט. וועסט טעל. עדלייד 635
אויך סעקאנדס און נעיווטע. ביליג
קומט און איבערצייגט אייך

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטימערס
ארדערט קוילען יעצט און ווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווייל שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און דאצו וועט איהר נאך ניט קענען באקומען.
THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696
איטאן קאהל קא.
אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

HOW TO BECOME A REAL MUSICIAN?
By taking lessons at Michael Angelo's music school Maestro Michael Angelo will guarantee you a sure success of becoming a real Violin, Mandolin, Cornet. Saxphone player or any other wind and String instruments, - also the same Michael Angelo's patient of teaching children to play Violin is not to be compared with any other teachers. So be sure to telephone or come personally regarding your child's mucic education as Sig: Michael Angelo is the only teacher that takes real interest in them, ,,and be aware of fakers''

Prof. Michael Angelo
Studio at Alhambra Hall 450 Spadina Ave. near College St
Tel. Col. 17

קויפט אייערע קוילען פון
יאנעווער בראדערס
וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קויהלען מיט ראזשערס טיקעט
268½ קווין סט. וועסט
טעלעפאן עדעלייד 3766

אלערליי עלעקטריק וויירינג ווערט געמאכט ביי די
אנטעריא עלעקטריק און פיקטשורס קא.
649½ קווין סט. וועסט
דארפט איהר ווייערען אייער הויז, סטאר, פעקטארי; קאמפליט מיט פיקטשורס ?
טעלעפאנירט אדעלייד 6556.
אויך האבען מיר אלערליי עלעקטריק פיקטשורס און לאמפען. סי. א. ד. ארדערס ווערט דעליווערט נישט ווייניגער ווי 5 לאמפען.
אונזער מאטא איז צופריעדענהייט.
הויז טעלעפאן מיין 6367.
ס. ניסענבאם פראפרייט.